צווישן אנדערע געפינען זיך אין דער זאמלונג יזכור ביכער פון פאלגנדיקע יידישע קהילות: ווארשע, קראקע, לעמבערג, בריסק, לובלין, לאדזש, ראדאם, סלאָנים, וויטעבסק, ווילנע, טשענסטאכאוו פלאצק, זשעליכאוו, אוסטראווע-מאזאוויעצק, כעלם, סטריקאוו, טשעכאנאוו, פאביאניץ, זאבלודאוו, לענטשיץ, סאכאטשעוו און אנדערע.

אין דער זאמלונג געפינען זיך אויך אנדענק-ביכער פון פערזענלעכקייטן, צווישן אנדערע: זיגעלבוים, ערליך-אלטער, י. נ. שטיינבערג, קאטשערגינסקי און מענדעלסאן.

עס געפינט זיך אין דער זאמלונג דער לעקסיקאן פון דער נייער יידישער ליטעראטור, אלמאנאכן פון יידישע שרייבער אין ישראל און אמעריקע און א ריי קריטישע אפהאנדלונגען איבער יידישע שרייבער אין דער וועלט.

כדאי צו דערמאנען אז צווישן אנדערע זיינען פארטרעטן אין דער זאמלונג מיט פאעזיע און פראזע: ה. לייוויק, י. גלאטשטיין, א. צייטלין, א. סוצקאווער, איציק מאנגער, ש. אש, ז. שניאור, י. י. זינגער און זינגער-באשעוויס.

אויך דר. חיים זשיטלאווסקי איז איינגעשלאסן מיט א קאמפלעט פון צען בענד פון זיינע שריפטן, אויך פולע קאמפלעטן פון דער גאלדענער קייט און דווקא.

אין קורצן, צום ערשטן מאל האט זיך איינגעגעבן צוזאמענצושטעלן א גרעסערע איינמאליקע זאמלונג פון יידישע ביכער פארן בריטישן מוזעאום. די ביכער וועלן בקרוב ווערן קאטאלאגירט און יעדער וועט האבן אין לאנדאן א צוטריט צו פארשיידענע נייע אויסגאבעס, וואס זיינען ביז איצט כמעט נישט געווען בנמצא אין יידישן לאנדאן. **מ. ז.**

---

## א רפואה שלימה

דער פאָעט **שמואל וווהייט** האָט אדורכגעמאַכט אן אפעראציע.

דער בוך-הענדלער **מאזין** געפינט זיך אין שפיטאָל. פריינט פון יידיש לשון

---

סקערניעוויצער און ראווער הילפס-פאריין

ליבער פריינט,הארציק לאדן מיט אייך איין צו קומען אויף דער

## הזכרה - פארזאמלונג

וואס מיר וועלן אפהאלטן זונטאג, דעם 17טן נאוועמבער, אין

**קארא-האטעל**, אפפער וואבורן פלעיס, וו.ס.1.

א צאל גוט-באקאנטע רעדנער וועלן זיך באטייליקן. לייכטע דערפרישונגען.

סקערניעוויצער און ראווער לאנדלייט, אונזער יערלעכע אזכרה, וואס מיר וועלן אפהאלטן זונטאג, דעם 17טן נאוועמבער, איז די געלעגנהייט פאר יעדן איינעם פון אונז אויסצודריקן זיין מיטגעפיל, זיין אבלות-טרויער נאך זיינע נאענטע און טייערע, וועלכע זענען פארטיליקט געווארן דורך די דייטשע נאצי-רוצחים, ימ״ש.

אין שייכות מיט אט דער דאזיקער טרויער-דאטע, ווענדן מיר זיך צו אייך, לאנדסלייט פון די ביידע קהלות, אז איר זאלט אלע זיך צו זאמענקומען צו דער יארצייט-פיירונג, כדי מיט נשמה-דערהויבנקייט צו הייליקן דעם אנדענק פון פארפייניקטע טאטע-מאמעס, קרובים און קינדער, וואס האבן זייער לעבן אוועקגעגעבן פארן פאלק.

ת׳ נ׳ צ׳ ב׳ ה׳ **דער קאמיטעט**

---

# לשון און לעבן

## חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 12 (העפט 384) פיר און צוואנציקסטן יאָר דעצעמבער 1963 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה א ל ט :

ש. אנ-סקי אויפן טויטן-בעט (צייכנונג) ........ י. זיידענבייטל
ש. אנ-סקי דער שאפער פון דער קלאסישער יידישער דראַמע „דער דיבוק“
** 1
קאלום (ליד) ........ יוסף לעפטוויטש 5
דריי זיינען זיי געווען, צום טראַגישן טויט פון פרעזידענט קענעדי (עסיי)
אליהו פאלושאק 6
דאס דריידל (ליד) ........ אפרים ברוך לאַנדסמאן 10
יידישע פילאָזאָפיע און טראַדיציע (שמעון חשמונאי און יהושע בן פרחיה)
י. ריכטיגער 11
בזמן-הזה, חנוכה-באלאדע אין מסקווע, 22׳סטער נאוועמבער 1963, זיין עמינענץ דער פויפס, (חנוכה-און צייט-לידער), מיין טאַטנס-הויז
(המשך) ........ א. נ. שטענצל 14
פרילינג דערוואכונג (ליד) ........ עלי זילבערג 31
א קוש פון א מאמע (ליד) ........ הערשל פאצאנאָווסקי 32
טעג (ליד) ........ שמואל וווהייט 32
מלך ראוויטש — א בן שבעים (רעפעראט) ........ יהודה ביעטש 33
לאנדאנער קולטור ידיעות
יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

---

## יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

בערנער סטר. 33 א.1. (הענריקעס טר.) שבת 3 א זייגער

שבת, דעם 21׳סטן דעצעמבער—הומאָר און פאָלק-ליד: מ. ווייסגראַז, נ. רובין.

יאַנואַר 1964 25׳סטער יאָרגאַנג „לשון און לעבן“ — אַ דאָפל-נומער

---

## פרייז 2 שילינג

אבאָנאָמענט-פרייז:—26 שילינג פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד:—8 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:—
"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*

# לאנדאנער קולטור ידיעות

ביים דער יובל־פייערונג לכבוד דעם 100׳סטן געבוירן פון ש. אנ־סקי ביי די יידיש־ליטעראריש שבת נאכמיטאגס איז מאיר צעלניקער געווען דער הויפט־רעדנער. צעלניקער האט מיט זיין קונסטלערישן פאטאס ארויסגעהויבן די פערזענלעכקייט פון בעל „הדיבוק", אז אנ־סקי איז בפועל־ממש געשטאנען פאר די אויגן.

הערץ גרויסבארד ווארט קאנצערט איז ממש געווען א הארץ־דערפרישונג פאר די יידיש־לעכצנדיקע וואס געפינען זיך נאך דא. נאכן „אוונט" איז געווען א באנקעט פארן קינסטלער אין הויז פון לעסלי בער, ווו גרויסבארד איז באגריסט געווארן.

ביי דער חנוכה־פייערונג ביים שבת־נאָכמיטאג האט יידל גאלדבערג געלייענט פרצעס „חנוכה לעמפל", מיט זיין קונסט־לעריש פיינם לייענען און ארויסברענגען דאס וווּנדערלעכע פון דער רעאַליסטישע־לעגענדע האט יידל גאלדבערג פרצדיק באַ־לויכטן אונזער חנוכה־אוונט.

ביים שבת נאכמיטאג לכבוד מלך ראַ־וויטש׳ס יובל השבעים האבן זיך באטייליקט י. ביעטש, י. א. ליסקי, משה דאמב און נעט רובין.

צום 65׳סטן געבוירן יאר פון אליהו פאלר־שאק האט פריינט פון יידיש געמאכט א מסיבה ווו י. ביעטש האט געפירט דעם פאר־זיץ. ביי א שבת נאכמיטאג האט דער בעל יובל געליינט א קאפיטל פון זיין ראמאן וואס ער שרייבט איצט.

ביים אוונט אין בן־אורי : „דאס יידישע פאחקס ליד", האט געזינגען חזן רעוו שמו־אל ראט, מאיר באגדאנסקי און אליהו זאמעק.

א. בלום", אן טוער ביי דער „פרייער ארבעטער שטימע"־גרופע, א זינגער פון פאָלקס־און ארבעטער־לידער איז געשטארבן. אונזער טיפן מיטלייד זיין פרוי און קינדער.

די בינד־גרופע האט געפייערט דעם 66׳סטן יובל פון בונד. בערל ראזנער האט געפירט דעם פארזיץ.

איינער פון די אנגעזעענע לאנדאנער רב־נים הרב רשבש איזנפשר געווארן. הרב רש־בש פלעגט אויך שרייבן איבער העברעאיש און יידישן פאלקלאר.

עס האט זיך געגרינדעט א קאמיטעט צו פייערן דאס יאר 1964 ווי א זאנגוויל יאָר — צום 100׳סטן יובל פון ישראל זאנגוויל.

הרב המפורסם יהושע שפעטמאן געפינט אין שפיטאל, מיר ווינטשן דעם חשובן רב א רפואה שלימה.

ביי דער לעבעדיקער צייטונג איינגעאָרדנט פון שרייבער פעראיין און יידישן וועלט קאנגרעס האבן זיך באטייליקט דר. יעקב מייטליס ש. י. הארענדארף חיים פינער, ראַ־זענבוים, א.א. דעם פארזיץ האט געפירט יוסף פרענקל.

דער חנוכה־טאנץ איינגעארדנט פון דער פרויען גרופע ביי ארבעטער־רינג איז גע־ווען א גרויסער דערפאלג.

שרה סאָכאטשעווסקי, די אלמנה פון בן־א. סאכאטשעווסקי איז פערגאנגענעם חודש געשטארבן, אונזער טיפן מיטלייד צו אירע קינדער.

„די קולטור געזעלשאפט" ארדנט איין קו־מענדיקן חודש, דעם 4׳טן יאנואר אן אנ־סקי פייערונג.

יידל גאלדבערג קומענדיק פון זיין נסיעה אין ישראל האט געהאלטן א פארטראג ביי די שבת נאכמיטאגס. ער האט מיטגעברענגט גריסן פון זרובלען, סוצקעווערן און ראכ־מאנען. גאלדבערג האט אויפן קול־ישראל־ראדיא געזונגען א סעריע יידישע פאלקס־לידער.

דער סעמינאר פאר יידיש וויסן האט געענדיקט זיין ווינטער ציקל 1964. מיר האפן אז צום נייעם יאר 1964 וועלן מיר האבן מער צוהערער, אזוי אז מיר וועלן קענען ווייטער אנגיין.

עלי זילבערג איז אפגעפארן אויף א לענגער צייט קיין דרום אפריקע.

ביי א שבת־נאכמיטאג האט סעם לעף גע־האלטן א פאָרטראַג 66 יאר בונד.

ווי מיר הערן געפינט א. מ. קייזער ווידער אין שפיטאל, אויף אן אפעראציע, מיר שיקן איר א רפואה שלימה.


# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 12 (העפט 384) פיר און צוואנציקסטן יאָר דעצעמבער 1963 לאָנדאָן




(ש. אנ־סקי, שלמה זאנוול ראפאפארט 1863—1963)

## ש. אנ־סקי דער שאפער פון דער קלאסישער יידישער דראמע : „דער דיבוק"

ש. אנסקי, דער רוסישער סאָציאַלער רעוואָלוציאָנער, דער נאַציאָנאַל זיך ראנגלדיקער ייד, דער גייער אין פאָלק, דער משכיל און אייראָפּעער, הער שרייבער און פסיכאָלאָג, דער שטאַרקער רעאַליסט און שילדערער פון האַרטן לעבן און אין תוך א סענטימענטאלער און טענדענציעזער פּאָעט — אט די פונקן שיטנדיקע און פינקן צעשאָטענע נשמה האָט דאָס רוסישע יודנטום, אין יאָר

1914 (מיטן כוח פון די ליבעראלן אין דער רוסישער דומע), אנגעטון א גענעראַלטקע מונדיר פארקנעפלט מיט מעשענע קנעפ פון אויבן ביז אראפ און אים געשיקט, — נישט ווי מיט יארן פריער איבער די שטיל־פארחלומטע ליטוויש־אוקריינישע שטעטלעך אויף אן עקסקורסיע צוזאמלען יידישן פאלקלאר, — ווי זייער שליח־מצוה אין פייער פון די מלחמה פראנטן, וווּ די פוילישע גאליצישע שטעטלעך זיינען אויפגאנגען אין די פלאמען פון די הארמאטן־פייערן און זייערע איינוווינער, געיאגטע פון צארישע גזירות, פון קאזאקישע פאגראמען, זיינען אויסגעגאנגען פון הונגער און מגיפות; אים געשיקט ווי זייער שליח צו ברענגען די ערשטע הילף די ברוטאל גערודפטע, די שוואכע אומבאהאלפענע זייערע יידישע ברידער.

און אין אט דער גרויסער און אחריות־פולער שליחות האט ש. אנ־סקי, שלמה זאנוול ראפאפארט, דער רעאליסטישער שרייבער, דער טיף פילנדיקער ייד, — שטייענדיק פנים אל פנים מיטן אויפגעריסענעם לעבן! — דערזען מיט זיינע שארף־ארומנעמענדיקע אויגן, טיף דערשפירט מיט אלע זיינע חושים, אז פאלקלאר־ווערטלעך, לעגענדע מעשהלעך, זיינען נישט נאר שפראך־דער־פינדונגען, קלוגע אויסדרוקן פון הארציקע מענטשן, עקזאטישע אנעקדאטן — איינפאלן פון וויציקע קעפ! נאר זיי זיינען דער מהות, דער פנימותדיקער אויסדרוק, די נשמה פונם פאלק — עס איז נישט דער שפיגל פונם פאלק, ווי עס שפיגלט זיך דערין, ווו עס מאכט זיך שיין, עס קאקעטעזירט; עס זיינען די פענסטער וווּ מ׳קוקט אריין עס צו זען אין זיין היים, אין זיין אינער־לעכקייט; אין זיין שפראך, אין זיין אקצענט הערט מען זיין ניגון — „החיים והמות ביד הלשון“.

דער רוסישער געהארטעווערטער רעוואלוציאנער, דער אייראפעער, דער משכיל שטייענדיק פנים אל פנים מיטן נאאיוון קליינשטעטלדיקן ייד, נישט אראפקוקנדיק אויף אים, נישט נאר מיט אן אפענע האנט אים צו העלפן, נאר מיט אן אפן ווארעם הארץ ברידערלעך אים דערפילנדיק, האט ער מיט אלע זיינע פיזישע און פסיכישע חושים דערשפירט, אז צווישן דעם רעאלן און דעם מיסטישן איז קיין מחיצות נישט פאראן, אז שוועבנדיקער דימיון און טיפע מחשבה איז איינס, אז חלום און וואר זיינען באהאפטן איינס מיטן אנדערן.

פון איין זייט דאס שלאכטפעלד, הונדערטער, טויזנטער שטארקע ריזן פאלן ווי די פליגן; קאזאקן מיט פיקעס אין די הענט, טויט־גראניעטע וואל־גערן זיך פארבלוטיקטע צוזאם מיט זייערע געפאלענע פערד — עס מישן זיך זייערע בלוטן. און פון דער אנדערער זייט יידיש בלוט גיסט זיך ווי וואסער! שטעטלישע יידן גערודפטע, פארהונגערטע, טויט־פארמאטערטע קראנקע, פארהונגערטע קינדער, טעכטער געשענדטע, די זקנים פאלן פון די פיס, און זיי לויפן די גבורים אין די פלאמען אריין ארויסצוראטעווען די הייליקייט, די ספרי־תורות.

לעבענדיק אין אזא קאשמאר פון רעאלן לעבן ווערט נאטירלעך באשאפן אזא רעפליק, וואס פיקט זיך מיסטיש־באפליגלט אויס אין קלארן מוח און נעסטעט זיך איין אין ווארעמען הארץ: „באלד וועט זיך באוויזן צווישן אונז



א מענטש פון דער אמתער וועלט, כדי מיר זאלן אים משפטן מיט מענטשן פון אונזער עולם הדימיון . . . די דינים פון דער הייליקער תורה הערשן איבער אלע וועלטן און איבער אלע באשעפענישן און זענען א חוב אי פאר די לעבע־דיקע, אי פאר די טויטע“. (אין לעצטן אקט פון „דיבוק“).

ש. אנ־סקי, — דער פראזאאיקער רעאליסט מיט אלע זיינע טענדענדיעזע ראמאנען און גוטע נאוועלן, דער פיינער עסייאיסט, דער פאעטישער פאעט־יקער, דער פראפאגאנדיסט פון דער „שבועה“, ווארפנדיק זיך „אין זאלציקן ים“ ווו „משיח און יודנטום ביידע געשטארבן“, און „פלוצלינג“ דער פאעטישער פאטעטישער „וווּנדער“: „עס איילן חלוצים פון אלע פיר זייטן“—האט ער נישט אין זיך די פאטענץ, נישט שפראכלעך און נישט געפילסמעסיק צו ווערן א קלאסיקער פון דער יידישער ליטעראטור: אבער מיט זיין גרויסער שליחות איבער די יידישע שטעטלעך אין פוילן און אין גאליציע, איז עס אים געלונגען, בעסער געזאגט געהאט די זכיה און זכות, אנצושרייבן די יידישע קלאסישע דראמע: „דער דיבוק“; געשאפן נישט נאר א סצענאריע ווו גוטע רעזשיסארן און טאלענטירטע אקטארן זאלן ארייגלייגן זייערע הערצער און אויסשפילן יידיש־שטייגער־לעבן, נאר אראנזשירט און געשטאלטעט, יידישלעך געפארעמט לעגענדע און פאלקלאר, „א גרויס ליכט צעגיסט זיך רונד ארום“, ווו די קאמיק פון לעבן הערט אויף, די טראגיק פון טויט פארשווינדט, אלע מחיצות הערן אויף און דאס פארוואגלטסטע הארץ באקומט א שליחות צו „שוועבן . . . אלץ העכער, העכער העכער“. מחמת דעם איז עס א קלאסישע יידישע דראמע, ווייל עס איז וווּנדערלעך און עס דערהייבט צו שלימות.

## 2

וואס איז דען א קלאסיקער? ער, דער קלאסיקער, הערפילט דעם גילגול החוזר אינם „דור הולך ודור בא“; ער דער שעפערישער דערפילט די אייביקייט, די אומשטערבלעכקייט פון זיין פאלק און דערפאר בלייבט ער צווישן די אומשטערבלעכע. ער, דער קלאסיקער, ווייסט: וויפיל כאראקטערס זיינען דען פאראן? 2־3, וויפיל טיפן — 3־4, איז אריינגעווארפן דעם „קץ כל בשר“ און די אייביקייט איז ארויסגעפארעמט: פישקע דער קרומער, שלמה ר׳ חיים׳ס, טוביה דער מילכיקער, מנחם מענדל. מיט סוד פון אייביקן „זה לעומת זה“ האט מענדעלע און שלום עליכם ארויסגעארבעט דאס רוסיש־ליטווישע, דאס אוקריינישע יודנטום.

פרץ, דער קלאסיקער פונם צעפלאשטן פוילישן ייד, דער צעווארפענער זין זיך ראנגלדיקער, דער צונגען־צעפלאמטער אויף אלע געביטן פון ליטערא־רישן שאפן: דער רעאליסט פון „דער קעלער שטוב“, דער ליריש־עפיקער פון „מאניש“, דער „מיסטיקער פונם „כעלעמער מלמד“ פונם „כעלעמער רב“, האט נישט מער און נישט וויניקער געטון, ווי אלע נצוצים־שטויבעלעך אריינ־געלייגט אינם אויסגעהלומטן טאבעק־שקעטעלע און ווי זיין „קונצן־מאכער“ ארויסגעכאקוסט דערפון אלע גילגולים, און געגעבן זיי א שלמותדיקן תיקון —יעדעס „אויב נישט נאך העכער־מעשהלע איז א קונסטלערישע גאנצקייט.

אזא וונדער־שקעטעלע איז אן א דנא, עס הערט קיינמאל נישט אויף, עס ווערט א פאלקס־אוצר, עס גייט איבער בירושה, צו קינדס־קינדער. מ׳מוז נאר וויסן דעם סוד: טירעלע, טירעלע עפן דיך.

נאך אין פאריקן יארהונדערט, אז ש. אנ־סקי האט „דורכגעלייענט פרצעס נאוועלע „אין א קעלער שטוב“, האט עס אויף אים געמאכט אן אומגעהויערן שמארקן איינדרוק. איך בין געווען פארוואונדערט, וואס איך האב אזא עכט־ליאטראַרישע (אין אייראָפּעאישן זין) זאך געטראפן אין אן ארעם דינער אויס־גאבע אין יידיש. גענומען האָט זיך מיין פארוואונדערונג נישט דערפון, וואס איך בין חס־ושלום געווען א געגנער פון יידיש, געהאַלטן די שפראך פאר א נידריקע, נישט ליטערארישע, פארקערט, ווען דאן וואלט זיין שוין די איצטיקע שפראך ריכטונג, וואלט איך זיכער געווען א הייסער יידישיסט — נאר פשוט, פאר מיר איז געווען אומגעריכט צו טרעפן אזא ווערק אין יידיש. אמת צו יענער צייט האב איך שוין געליינט די קליאטשע פון מענדעלע מוכר ספרים, שלום עליכמס „סטעמפעניו“, דינעזאנס „דער שווארצער יינגערמאנטשיק“, לינע־צקיס „דאס פוילישע יינגל“, א. ד. גל. די אלע ראמאנען און נאוועלן זענען פאר מיר נישט געווען צונויפגעבונדן מיט דער ליטעראטור“. (צענטער באנד געזא־מלטע שריפטן, ש. אנ־סקי, זייטל 2־151).

מענדעלע, שלום עליכם, די קלאַסיקער פונם רוסישן, משכיליש־רוסיפי־צירטן, רעוואָלוציאָניזירטן שטעטלדיקן ייד, פראוואזשיטעלסטווא־געיאָגטן, עמיגרירנדיקן — דעם „קץ כל בשר“, חלילה! האבן זיי זייערע מעשיות, זייערע געשמאק צוגעגרייטע פאטראַוועס באַפּעפּערט און באזאלצן מיט שאר־פן וויץ און בשמימדיקן הומאר, זיי צו קאנסערווירן פאר דער אייביקייט. פרץ האט געשריבן זיין ליטעראטור מיט בליק צום לעבעדיקן ייד, צום אומשטערב־לעכן אייביקן ייד, ווייל ער איז רק געשטאַנען פנים אל פנים מיטן ייד פון שטעטל — מיט רעוואָלוציאָנער האַראַבּאַשניק! ווו תמימותדיקייט און אוואנ־טורע גלייכן זיך ווי צוויי טראָפּן וואסער, ווו אלע מחיצות זיינען אזוי דין — א דימיון! ליגט דען נישט „די קעלער שטוב“ „צווישן די צוויי בערג“?

דעם רוסיפיצירטער אנ־סקי, דעמלט האט נישט געשמעקט קיין יידיש־לעך־סערווירטע כשרע פאַטראַוועס! איז נישט אויך זיין, אנ־סקי׳ס, „אין קעלער“ זיין בעסטע רעאַליסטישע דערציילונג — א מוסטער אין דער ליטעראַ־טור? קונסט איז תמיד: אדער—אדער? טויט אדער לעבן! האט פיינט קאנסער־ווירן, מומיעזירן, קונסט איז צאפלדיק לעבן.

און איצט צוריקקומענדיק, נאך פאגראמען, נאך רעוואלוציעס, אן אויס־געבאדענער „אין זאלציקן ים“, נאך גילגולים, נאך ענטוישונגען, צוריק אין יידישן שטעטל, פנים אל פנים שטייט ער מיט דעם וונדעלעכן, תמימותדיק אוואנטוריסטישן — ווי אזוי אנדערש קאן מען אנרופן אזא לעבן? פרץ זיין פריינט, זיין חבר, דער בעל־מופת, דער מכשף איז נישטא, אבער דאס אויס־געחלומטע כעלעמער שקעטעלע איז דאך דא, עס גייט דאך איבער בירושה אזא אנטיק, אזא אנטיק באהיט מען דאך ווי א פאלקס אוצר.

האט ער ש. אנ־סקי דריי מאל אנגעקלאפט, מיט דער תמימות פונם כעלע־



מער רב אליין: „טירעלע טירעלע עפן דיך“. און זע, וונדער איבער וונדער, דאס טירעלע האט זיך געעפנט, און אויב נישט א גילגול, א הויכע נשמה, איז א דיבוק ארויס — די קלאסישע דראמע פון יידישן טעאטער.

ער, דער גרויסער פריינט און פארערער פון פרצן, האט עס זוכה געווען ווי א צווייטער פריינט און פארערער פון פרצן — יעקב דינעזאן, דער מחבר פונם „שווארצן יינגערמאנטשיק“. דער מחבר פון די אוואנטוריסטישע יידישע „צענטורע וואנטורע“־ראמאנען האט אנגעשריבן די תמימותדיקע קלאסישע קינדער־ראמאנען „יוסעלע“ און „הערשעלע“—הנאהבים והנעימים בחייהם וב־מותם לא נפרדו“ אזוי זיינען זיי געקומען צו זייער אייביקייט אין ווארשע לינקס און רעכטס פון זייער פריינט י. ל. פרץ.

צווישן אנסקיס 15 ווערק אין יידיש, 10 אין רוסיש, געפינען זיך ליטעראַ־ריש־וואגיקערע ווערק ווי זיין „דיבוק“—זעלבשטענדיקערע שאפונגען! אבער אין דער לעצטער האט זיין נע־ונד־נשמה געקריגן איר תיקון, געפינען איר שליחות און „דער דיבוק“ איז געוואָרן די קלאסישע דראמע פון יידישן טעאַטער.

## יוסף לעפּטוּוויטש

## ק א ל ו ם

מער ווי זעכציק יאר שרייב איך ווערטער,
לאנגזאם, אות ביי אות.
די ערשטע אותיות זענען געווען קינדיש געשריבן.
מיין אלטע האנט ציטערט איצט, שרייבנדיק דאס,
דאך, אט איז א ווארט שיין געשריבן,
און דארט קומט א געשליפענער געדאנק ארויס.

די קאמאס זענען אויף די ערטער,
און די פראגע־צייכנס ווו זיי דארפן צו זיין,
דער זאץ נעמט אן פארם און באדייטונג,
נאר איך קען אלץ —ניט פארשטיין
וואס דאס שרייבט זיך מיר, ווי מ׳וואלט דיקטירט מיר
און מיין כתב־יד ווערט איצט פערעלדיק שיין.

מער ווי זעכציק יאר שרייב איך ווערטער,
איינס ביי איינס שרייב איך זיי אויף,
ווען זיין צייט דער זאץ זאל זיך ענדיקן?
איך זאל שטעלן א פונקט ביים סוף?

נאר אט שרייב איך א קאלום,
ס׳ווייזט אויס, איך דארף זאגן נאך מער,
איך שרייב א זאץ, א לאנגן,
צי וועט עס וועלן לייענען ווער?

אליהו פאלושאק

# דריי זיינען זיי געווען

(צום טראגישן אומקום פון פרעזידענט קענעדי, געפאלן פון א מערדערישער האנט)

פרייטיק דעם צוויי־און־צוואנציקסטן נאוועמבער.

ווען איך האב נאך א וואך שווערער ארבעט מיך אהינגעזעצט קעגן זיבן א זייגער אין אוונט ביים טיש צו מיין שבתדיקער מאלצייט, האט אין קורצע אפגעהאקטע ווערטער דער ראדיא געבררענגט די ידיעה פונם אטענטאט אויף פרעזידענט קענעדי אין דער שטאט דאלאס, אינם דרום פון די פאראייניקטע שטאטן, אין טעקסאס, איינעם פון די רעאקציאנערסטע אנטי־דעמאקראטישע ווינקלען פונם גרויסן מעכטיקן צפון־אמעריקאנישן מלוכה־פארבאנד.

צעטומעלט האב איך מיך ארומגעקוקט אין מיין שטוב, געקוקט פון איין ווינקל צום אנדערן, צו די ליכטער, צום ראדיא, צום געדעקטן טיש. וואס דערציילט ער דארטן פאר ווילדע מעשיות? קענעדי? דזשאן קענעדי? דער פרעזידענט? דערמארדעט? פארוואס, פארוועו? מיין מח און הארץ זיינען פאר סעקונדן געווען פאראליזירט. דערנאך האב איך אויפגעריסן מיין טיר, געשריגן צו מיינע יונגע שכינים: „האט איר אויך געהערט די ווילדע בשורה?" — יא, ס'איז אמת, די טעלעוויזיע האט גראד געבררענגט אלע פרטים פונם אטענטאט, ווו און ווען דער שוידערלעכער מארד איז געשייען.

א טיפער טרויער און פארלוירנקייט האט מיך ארומגענומען, ווי אין דערמיטן פון א גרויסער קאטאסטראפע, א וועלט־טראגעדיע, אין וועלכער מיר אלע זיינען פארוויקעלט. כמעט א גאנצן מעת לעת האב איך נישט געקענט ארויסברענגען קיין גאנצן זאץ. עס האט זיך מיר געוואלט וויינען, שטארק וויינען. איך האב נישט געקענט. איינזאם האב איך געטראגן מיין שווערן געמיט.

נישט אויף קענעדין האב איך געוואלט וויינען, און זיין יונג־בארשניטענעם לעבן. איך האב געוואלט וויינען אויף אונדזער דור, דער מאסן־היסטעריע פון א נייער יוגענט, וואס ווערט מיטגעריסן פון א נייער „קולטור", וועלכע איז אן אומנאטירלעך קינד פון אונדזער אייראפייאישער ציוויליזאציע. די דאזיקע מאסן־היסטעריע פארשפארט דעם וועג צו דער ריכטיקער אפשאצונג פון אידייען און אידעאלן, וועלכע זיינען געווען און דארפן בלייבן די יסודות פון א פרידלעכער פראגרעסיווער מענטשלעכער געזעלשאפט.

אין אונדזער יארהונדערט זיינען פארגעקומען א היפש ביסל אטענטאטן אויף פאליטישע פירערס, קעניגן און מיניסטארן, וועלכע האבן אין זייער צייט איפגערודערט די וועלט. אין מיין זכרון וועלן בלייבן דריי: דריי אטענטאטן, איינגעשלאסן דעם לעצטן אויף דזשאן פיץ־געראלד קענעדי, פרעזידענט פון די פאראייניקטע שטאטן פון צפון־אמעריקע.

ווער דערמאנט זיך נאך היינט די דערמארדונג אין יאנואר 1919 פומן קארל ליבקנעכט און ראזא לוקסעמבורג?

קארל ליבקנעכט איז געווען דער זון פונם וועלט־באקאנטן סאציאליסט ווילהעלם ליבקנעכט (א נאענטער פריינט פון פרידריך ענגעלס און אויגוסט



בעבעל), געווען א דעפוטאט אינם דייטשן רייכסטאג פונם יאר 1912 אן. ער איז געווען דער ערשטער קעגנער פון דער וועלט־מלחמה 1914, און איז ארויסגעטרעטן מיט שארפע רעדעס כמעט ביי אלע סעסיעס פונם דייטשן פארלאמענט. דעם ערשטן מאי 1916 איז ער אונטער די לינדן * אין בערלין אפן ארויסגעטרעטן מיט הויכע אויסרופן: „נידער מיט דער מלחמה! נידער מיטן קייזער! זאל לעבן די „רעוואלוציע".

כמעט צוויי און א האלב יאר האט מען אים געהאלטן פארשלאסן הינטער פעסטונגס־מויערן. אין פרייסן האט געהערשט די רעאקציע פון א יונקערישער קליקע. די אימוניטעט אלס דעפוטאט אינם דייטשן פארלאמענט האט אים נישט געשיצט. ערשט אינם הארבסט 1918, נאך די מפלות פון די דייטשע חיילות אויף דער מערב־פראנט, האט מען אים פרייגעלאזן. עס זיינען גראד דאמאלס פארגעקומען פארלאמענטס־וואלן אין א בערלינער וואלקרייז נאך א פארשטארבענעם דעפוטאט פון דער אומאבהעניקער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי, עמנואל ווורם, א ייד. ערשט ארויס פון זיין פעסטונגס־האפט, ווארפט זיך ליבקנעכט אריין אין דער ארבעט. אין א זונטיק רעדט ער אין פיר גרויסע מאסן־פארזאמלונגן. ווי עס וואלט געשייען נעכטן, זע איך אים ארײנשטורעמען אין איינער פון די פארזאמלונגן. צוויי טויזענט מענטשן שטייען אויף און מאכן אים א גרויסע אוואציע. און ער אליין? דאס פנים געשפאנט, די אויגן ברענען, לייכטן, ווי שטורקאצן אין א פינצטערער נאכט. זיין רעדן, — ס'איז א פראפאגאנדע־רעדע, גאנץ אנדערש, ווי די אנדערע רעדעס. ס'איז ווי דאס רוישן פון א מעכטיקן שטראם, וואס וועט אלע און אלץ מיטרייסן, איר ברויכט נישט קיין מורא האבן. די וואל־רעזולטאטן וועלן זיין אזוי, ווי קארל ליבקנעכט וויל האבן.

דאס איז געווען דאס ערשטע מאל, ווי איך האב געהאט די געלעגנהייט זיך צוצוהערן צו קארל ליבקנעכט, דעם שרעקן פון דער פרייסיש־דייטשער רעאקציע פון יענער צייט.

איך האב דאמאלט געארבעט אין א מאטארן־פאבריק אין רייניקענדארף ביי בערלין. אן עלטערער קאלעגע פון מיר, א גרויסער פאכמאן און גרויסער געלט־פארדינער, האט ביי א געלעגנהייט אויסגעדריקט זיין מיינונג:

„וואס זאגט איר צו ליבקנעכטן? ער איז א פארעטער, ווי א הונט דארף מען אים דערשיסן, ווי א הונט . . ."

דאס צווייטע מאל בין איך אים, ליבקנעכטן, באגעגנט אינם היסטארישן טאג פון דער רעוואלוציע, דעם ניינטן נאוועמבער 1918. צוועלף אזייגער זיינען פלוצים אלע מאשינען, געטריבן פון עלעקטרישן שטראם, געבליבן שטיין. נישטא קיין שטראם . . . די רעדער דרייען זיך נישט. די טראמווייען גייען נישט. ס'איז מקוים געווארן דער אלטער קאמף־שפרוך:

„אלע רעדער שטייען שטיל,
ווען דיין שטארקער ארעם עס וויל".

---

* א ברייטע אוועניו, וואס פירט צום בראנדענבורגער טויער.

הייסט עס, מוז מען גיין צופיס. איר בין גראד צוליב א באשטימטער צוגעטיילטער ארבעט געווען אין דער גרויסער פראנקפורטער אלייע. ארויסגעקומען אויף דער גאס, האב איך מיך אנגעשטויסן אויף טויזנטער מענטשן. מען מארשירט. פון אלע ריכטונגען מארשירן מענטשן. ס׳איז די רעוואלוציע. דער קייזער איז אנטלאפן קיין האלאנד. די מאנארכיע איז געקומען צו א סוף. די ארמיי האט אויפגעהערט צו קעמפן, עס בילדן זיך אומעטום ארבעטער־ און סאלדאטן־ראטן. מענטשן מארשירן צום מיטל־פונקט פון דער שטאט: בערלין־אלעקסאנדער־פלאץ. אלעקסאנדער־פלאץ! פון אלע זייטן קומען א מענטשן: פון די הייזער, פון די פאבריקן, פון די געשעפטן, וועלכע האבן גראד אויך געשלאסן זייערע טירן און טויערן. ציווילע, זעלנער, מענער, פרויען און אפילו קינדער רינגעלן ארום די פעריפעריע פונם גרויסן פלאץ. מען לאזט גראד גענוג פלאץ פאר אויטאמאבילן, ציווילע און מיליטערישע לאסט־וועגענער, באפאקט מיט מענטשן, וועלכע איילן זיך צו באזעצן די וויכטיקע עמטער פון דער אפגעדאנקטער קייזערלעכער און קעניגלעכער רעגירונג. גראד קומט אן א דראזשקע אויף גומענע רעדער, געצויגן פון א שטאלצן ברוינעם פערד. איך דערקען די מענטשן. ס׳איז דער אלטער לעגענדערישער געארג לעדעבור, דעפוטאט אינם אלטן רייכסטאג. זיין גרוי־גרינע ווייטע פעלערינע און דער פארוועטערטער ברייטער הוט גיט אים צו א באזונדערן רעוואלוציאנערן שיין. דער־צווייטער איז אדאלף האפמאן, דער אנפירער פון דער פראקציע אומאפהענגיקע סאציאל־דעמאקראטן אינם פרייסישן לאנדטאג (פארלאמענט). ווער איז דער אפיציר נעבן זיי? ווער איז ער? דאס איז הויפטמאן פאן בערפעלדע, א לינקער און א פאציפיסט. ער רייסט זיך אליין אראפ זיינע אפיצערסקע שליפעס און איבערגיט מיט א טעאטראלישער זשעסטע זיין שווערט צו אדאלף האפמאן: „איך ברויך נישט מער קיין שווערט. איר, גענאסע האפמאן, נעמט מיין שווערט“. אויף איינמאל ווער איך כמעט ווי פארציטערט. ווער שטייט נעבן מיר, ארומגערינגעלט פון א קליינער סוויטע, און זשעסטיקולירט ענערגיש מיט זיינע הענט? קארל ליבקנעכט, מיט ווייט־אויפגעמאכטע אויגן אין זיין געשפאנטן פנים. „צום טעלעגראפן־ביורא, צום טעלעגראפן־ביורא, געשווינט צום טעלעגראפן־ביורא. ווער שליסט זיך מיר אן!“ און ער איז פארשוואונדן מיט א קליינער גרופע מענטשן. זיי האבן זיך געאיילט. געוואלט זיין די ערשטע צו באזעצן דעם גרויסן בנין פונם דייטשן צענטראלן נאכריכטן־דינסט און ארויסטראגן פאר דער וועלט די בשורה פון רעוואלוציע, פון באפרייאונג, פון א נייער ערא, וואס מוז קומען.

נאך עטלעכע וואכן בין איך אהיימגעפארן צו מיין היימלאנד פוילן, דער בייזער שלעכטער שטיפמאמע, און צו מיין היימשטאט וולאצלאוועק. אין יאנואר האבן די צייטונגען געברענגט די ידיעות פון די גרויסע סאציאלע קאמפן אין פרייסן, זאקסן און בייערן. די גרופע ספארטאקוס, פון וועלכער ליבקנעכט איז געווען דער אומגעקרוינטער „קעניג“, איז געווארן פארוואנדעלט אין דער דייטשער קאמוניסטישער פארטיי, די דייטשע רעוואלוציע, וועלכע האט זיך אנגעהויבן שטיל און „באלעבאטיש“, האט געפירט צו א בלוטיקן ברודער־קריג.



ליבקנעכט איז געווארן דערמארדעט. זיינע יורשים זיינען געווארן שיידעמאן און נאסקע. דער וועג פון שיידעמאן און נאסקע האט געפירט (מיט זייערע פשרות און מאנגעל פון כאראקטער) צום נצחון פון דער רעאקציע און — צו היטלער ימח שמו און זיינע מערדער.

צוויי און א האלב יאר נאך דער דערמארדונג פון קארל ליבקנעכט און זיין מיטארבעטערין ראזא לוקסעמבורג איז אין א שיינעם זומערטאג, שבת אינדערפרי, אינם רעגירונגס־קווארטאל פון בערלין געווארן אויסגעפירט דער גוט־געפלאנעוועטער אטענטאט פונם דייטשן אויסערן־מיניסטער דאקטאר וואלטער ראטענוי, א ייד אן שום יידישע באציאונגען. מלחמה־צייט האט ער געהאט באקליידעט דעם פאסטן פון א ווירטשאפטס־דיקטאטאר. ער איז דאמאלס נישט געווען קיין מיטגליד פון דער דייטשער רעגירונג, אבער מיט זיינע גרויסע פעאיקייטן אלס ארגאניזאטאר און ווירטשאפטלער האט ער דאס דייטשע פאלק אין דער ערשטער וועלט־מלחמה געראטעוועט פון הונגערנויט און אונטערגאנג. ער איז קיינמאל קיין פאליטיקער נישט געווען און האט נישט געהאט קיין שום פאליטישע אמביציעס. אבער ער איז געווען באקאנט אין דער וועלט אלס א גרויסער כאראקטער מיט הויכע עטישע פרינציפן, און ווען „זיי“ האבן געברויכט אן אויסערן־מיניסטער מיט א גוטער אינטערנאציאנאלער רעפוטאציע, האבן זיי זיך געווענדט צום הערן פרעזידענטן פונם גרויסן ווירטשאפטס־קאנצערן, דער אלגעמיינער עלעקטריציטעטס־געזעלשאפט, דר׳ וואלטער ראטענוי. ער האט זייער בקשה נישט געקענט געווינגשאצן. דער מערב איז פאר זיי, די דייטשן, געווען פארשלאסן. האט ער, דער יוד, דער בורזשוא און דייטשער אויסערן־מיניסטער הינטערן רוקן פון דער מערב־אנטאן זיך געטראפן מיטן סאוויעטישן פאלקס־קאמיסאר טשיטשערין און ס׳איז געווארן געשלאסן א טראקטאט, וואס איז געווארן באקאנט אין דער געשיכטע אלס דער אפמאך פון ראפאלא.

די וועלט האט געשטוינט. פראנקרייך און ענגלאנד זיינען געווען אביסל ברוגז, אבער פאר די צוויי געשלאגענע לענדער פון דאמאלס איז דער אפמאך פון ראפאלא געווען פון באזונדערער באדייטונג, ווייל אלס שכנים זיינען זיי פלוצים ארויס פון דער איזאלאציע.

דער אפמאך פון ראפאלא איז געווארן אנערקענט אלס א פערזענלעכער דערפאלג פון דאקטאר וואלטער ראטענוי, דאס האט די נאציאנאליסטישע קאנאליע נישט געקענט פארטראגן. די גאנצע וועלט האט אויפגעציטערט פון כעס און בושה נאך דעם מארד פון א גרויסן איידעלן מענטשן, וועלכער האט די גאנצע צייט געוווסט, אז די מערדערישע קויל ווארט און לויערט אויף אים.

זיינע מערדער זיינען געווען א קליינע אקטיוויסטישע גרופע פון געוועזענע אפיצערן און יונגערס, באקאנט אונטער דעם נאמען: „ארגאניזאציאן קאנסול“. קארל ליבקנעכטס מערדער זיינען מן הסתם אויך געקומען פון דיזעלביקע קרייזן. איינער פון זיי איז באגאנגען זעלבסטמארד אויף שלאס זאאלעק אין מיטל־דייטשלאנד, די, וועלכע זיינען געווארן געכאפט, זיינען אפגעקומען מיט גערינגע שטראפן.

די גאר־פרישע טראגעדיע, דער אטענטאט און מארד פון דזשאן קענעדי, פו׳עזידענט פון די פאראייניקטע שטאטן, האט אין מיר אויפגעלעבט און אויפ־געפרישט די זכרונות פון פריערע טראגעדיעס און אטענטאטן און אונדזער שטורעמדיקער צייט.

ליבקנעכט דער קאמוניסט, ראטענוי, דער גרויס־אינדוסטריאליסט און בירגערלעכער דעמאקראט און דזשאן קענעדי, דער פרעזידענט פון דער שטאר־קסטער מלוכה פון אונדזער ערד־קיילעך, דער קאטוליק און דעמאקראט, — זיי זיינען באשיינפערלעך געווען פאל און קעגן־פאל אינם שטראם פונם טעג־לעכן און פאליטישן לעבן. אבער איינס האט זיי שותפותדיק פארבונדן : כאראק־טער, אידעאליזם, מסירת נפש, קוראזש און א הויכער מענטשלעכער עטאס.

עפעס מוזן מיר פון אזעלכע טראגעדיעס לערנען.

ווען ליבקנעכט און ראטענוי וואלטן נישט געווארן דערמארדעט, וואלט דאס איראפייאישע בילד אין פאליטיק און קולטור גאנץ אנדערש אויסגעזעען. אין א וועלט פון ליבקנעכטס און ראטענויס קען א היטלער־געזומפ נישט אויסוואקסן.

איצטער נאכן טויט פון א גרויסן מענטשן, ווי עס איז געווען דזשאן קענע־די, מוז דאס אמעריקאנישע פאלק קומען צו באזינונג. עס מוז זיך קענען רייניקן פון פסולות, איידער עס קען חלילא זיין צו שפעט.

## אפרים ברוך לאנדסמאן

### דאס דריידל

איך וויל ערקלערן דא א חידה,
וואס איז עס, ניט עס שטייט, ניט ס׳גייט,
עס האט איין פוס און זייער קינסטלעך,
דורך א קינסטלער האנד זיך דרייט.

דרייט עס זיך אזוי נס גדול —
היה שם, אויף דעם עס שטייט,
ענטשולדיגט איין מינוט איך בעט אייך,
עס האט זיך מיר מיין קאפ פארדרייט.

ווייל שכור בין איך, אי ווי שכור,
ניט פון בראנפען ניט פון וויין,
שכור בין איך, בערג מיט דאגות,
זעק מיט צרות, פעק מיט פיין.

דערציילט דאס דריידעל א געשיכטע,
קורצע טעג און לאנגע נעכט,
פיר הונדערט יאר אין לאנד מצרים,
געוועזען זענען אידן קנעכט.



דרייען בילדער זיך פון דריידעל,
עמלק המן און אנטוכוס,
טייכן בלוט און ימים טרערן,
פון יענקעלע דער וועלטס מיוחס.

טראכטן אידן זוכען עצות,
דער גלות לייגנ נעמט גאר קיין עק,
פון אטוכוס ביז די אדאלפ׳ס,
שוין צוויי טויזענט יאר, א שרעק.

פאנגט דאס דריידעל אן צו וואקלען,
עס פארלירט דאס גלייכגעוויכט,
וואך אויף איד, לאז עס ניט פאלען,
ס׳איז פינסטער, נעם צינד אן די ליכט.

צינד אן די ליכט אין דער מנורה
שטעל אויף מכב״י אויף דיין פאן,
זינג מעוז צור מיט התלהבות,
דאס פייער אין דיין הארץ צינד אן.

און יעצט ווען ערקלערט איז די חידה,
ברודער צינד חנוכה ליכט אן און דריי,
מיט מסירת הנפש און פייער נעם קעמפן,
מיט דעם כח פון תורה ווי געקעמפט האבן זיי.

## י. ריכטיגער

### יידישע פילאזאפיע און טראדיציע

#### שמעון חשמונאי און יהושע בן פרחיה

לערך פינף און צוואנציק יאר האבן די זין פון מתתיהו געפירט מלחמה קעגן דעם מלכות יון הרשעה, פיר פון זיי זענען געפאלן אין קאמף און אליין שמעון, דער לעצטער זון פון מתתיהו, האט דערלעבט צו זען זיין פאלק און לאנד באפרייט פון יונישן באצווינגער. נאך א ריי בלוטיקע שלאכטן איז אים געלונגען צו פארטרייבן די יונישע גארניזאנען פון יפו, גזר און בית צור, אבער ערשט ווען ער האט צעשטערט זייער פעסטונג אויפן הר הבית און פארניכטעט זייערע געצנבילדער מיט די במות איז געווארן שלום. די פויערים האבן ווידער אנגעהויבן אקערן און זייען, די ערד האט ווידער געגעבן א שפע פון תבואה און פרוכטן. אלטע לייט זענען געזעסן אין די גאסן און בחורים האבן ארומשפאצירט אין שיינע קליידער. דאס גאנצע פאלק האט צוריק אויפגעהויבן דעם קאפ און פארגעסן די אונטערדריקונג פון די פרעמדע טיראנען.

האבן זיך פארזאמעלט די עלטסטע פון פאלק און באשלאסן, אז שמעון זאל זיין נשיא און כהן גדול אזוי לאנג ווי ער וועט לעבן און זיינע קינדער נאך אים, ביז א נביא אמת וועט אויפשטיין אין ישראל. מיט אלגעמיינע שטימען איז

געוואָרן אנגענומען אַז שמעון, דער נשיא און כהן גדול, זאָל טראָגן פּורפּער קליידער מיט אַ גאָלדענע גאַרטל, ווי אַ פירשט, און אַלע בריוו פון יידישן פאָלק צו פרעמדע פעלקער זאָלן געשריבן ווערן אין זיין נאָמען. ער זאָל באַשטימען כהנים און שופטים, אָנשטעלן באַאַמטע צו פאַרזאָרגן די ווירטשאַפט פון לאַנד און ווערבירן אַן אַרמיי צו פאַרטיידיקן די פאַרפעסטיקטע שטעדט. ווער עס וועט ניט אויספירן זיינע באַפעלן, אָדער אויפהעצן אַנדערע קעגן אים, און ווער עס וועט זיך אָנטאָן אַזעלכע קליידער ווי ער טראָגט וועט באַשטראָפט ווערן. האָט דאָס גאַנצע פאָלק מסכים געווען מיט די תקנות פון די עלטסטע און שמעון האָט באַקומען דעם טיטל „חשמונאי״, וואָס וויל זאָגן: נשיא און כהן גדול אָדער פירשט און פריסטער איבערן יידישן פאָלק. (לויט חשמונאים־א. י״ד).

אין יענער צייט איז יהושע בן פּרחיה געווען נשיא פון די סנהדרין און נתי הארבלי איז געווען דער אב בית דין. (חגיגה פ״ב מ״ב) מען איז באַרעכטיקט אָנצונעמען אַז די עלטסטע פון פאָלק האָבן פאַרלאַנגט פון יהושע בן פּרחיה אַז ער זאָל זיך אונטערוואַרפן, ווי אַלע, אונטער די אויטאָריטעט פון שמעון חשמונאי און אוודאי אויך איבערגעבן אים די נשיאות פון די סנהדרין. יהושע בן פּרחיה האָט, פאַרשטייט זיך, ניט געוואָלט דעמיסיאָנירן פון דער נשיאות און אַ שאַרפער קאָנפליקט איז אויסגעבראָכן צווישן זיינע אָנהענגער און די עלטסטע פון פאָלק. אַן אָפּקלאַנג פון דער מחלוקה געפינט מען אין אַ מאמר פון אים. רבי יהושע בן פּרחיה זאָגט — „בתחלה כל האומר לי עלה לה אני כופתו ונותנו לפני הארי, עתה כל האומר לי לירד ממנה אני מטיל עליו קומקום של חמין״: פריער, איידער איך בין געוואָרן נשיא, האָב איך יעדן, וואָס איז געקומען צו מיר און מיר פאַרגעלייגט צו ווערן אַ נשיא, געוואָלט בינדן און וואַרפן פאַר אַ לייב, איצט, אַז איך בין אַ נשיא, וואָלט איך יעדן באַגאָסן מיט אַ טאָפּ קאָכעדיק וואַסער, וואָס זאָגט מיר איך זאָל אויפגעבן די נשיאות. (מנחות ק״ט)

אַז יהושע בן פּרחיה האָט געמוזט פאַרלאָזן ארץ ישראל און זיך באַזעצט אין מצרים קאָן מען אַרויסדרינגען פון דער איינציקער הלכה וואָס איז פאַראַנען פון אים אין די תלמודישע ליטעראַטור. ער האָט געפּסקנט — ווייץ פון אלכסנדריא איז טמא וועגן זייערע שעפּ־מכשירים, (תוספתא מכשירין פ״ג) ווייל ער האָט געוווינט אין מצרים און געזען די מצריים באַוואַסערן זייערע פעלדער מיט שעפּן וואַסער פון די נילוס קאַנאַלן. אין — „עומר השכחה״ — די מאמרים, וואָס זענען געוואָרן אַרויסגענומען פון די תלמודים כדי ניט צו דערצערנען די קריסטן, ווערט דערציילט אַז אַרום פירציק יאָר נאָך זיין אַנטלויפן קיין מצרים, דאָס הייסט אין דער צייט פון שמעון חשמונאיס אייניקל — ינאי המלך, האָט שמעון בן שטח געשריבן אַ בריוו צו דער יידישער קהילה אין אלכסנדריא אין נאָמען פון די יידן אין ארץ ישראל — „עד מתי בעלי שרוי בתוכך ואני יושבת עגומה בביתי״: ווי לאַנג נאָך וועט מיין מאַן רוען ביי דיר און איך וועל זיצן אַליין אין מיין הויז. איז יהושע בן פּרחיה צוריק געגאַנגען אין דער באַגלייטונג פון זיין תלמיד ישוע הנוצרי. אויפן וועג האָט יהושע בן פּרחיה געפרעגט זיין תלמיד — וואָס פאַר אַ חסרון האָסטו געזען אין דער פרוי פון



שפּייזהויז וווּ מיר האָבן גענעכטיקט? האָט זיין תלמיד געענטפערט — זי איז געווען בלינד אויף איין אויג. האָט יהושע בן פּרחיה געזאָגט צו אים — צוויי אומוואַרלישע באַנעמונגען האָב איך געזען ביי דיר, דו ביזט מיך חושד אַז איך האָב די פרוי באַטראַכט צו זי איז שיין אָדער מיאוס, און דו האָסט איר באַקוקט, איך האָב דיך געפרעגט וועגן אירע מעשים, איר אויפפירונג, ניט וועגן אירע קערפּערליכע חסרונות. האָט יהושע בן פּרחיה פאַרטריבן פון זיך זיין תלמיד ישוע המוצרי און ער איז אויסגעגאַנגען לתרבות רעות. (עומד השכחה, סנהדרין ק״ז).

אָבער דווקא דער עפּיזאָד וועגן ישוע הנוצרי דערוועקט אַ ספק צו די גאַנצע מעשה וועגן יהושע בן פּרחיהס צוריקקער איז היסטאָריש אמת. אין תלמוד ירושלמי געפינט מען פאַרשריבן די מעשה, פון שמעון בן שטחס בריוו צו דער קהילה פון אלכסנדריא, צוויי מאָל און ביידע מאָל האַנדעלט עס זיך וועגן יהודה בן טבאי, ניט יהושע בן פּרחיה, און דער תלמיד איז געווען אימיצער אַנדערש, ניט ישוע הנוצרי. (ירושלמי חגיגה פ״ב ה״ב, סנהדרין פ״ו ה״ד) פאַקטיש, אויב ישוע הנוצרי האָט עקזיסטירט איז ער געבוירן געוואָרן אַרום הונדערט יאָר נאָך יהושע בן פּרחיה, און דער ראב״ד, כדי צו געבן די מעשה וועגן יהושע בן פּרחיה אין עומר השכחה אַ היסטאָרישן באַזיס, באַהויפּטעט אַז עס זענען געווען צוויי יהושע בן פּרחיהס, איינער וואָס איז צוריק געקומען פון מצרים אין דער צייט פון שמעון בן שטח — אים האָט ניט באַגלייט קיין תלמיד, און דער צווייטער יהושע בן פּרחיה, וואָס זיין תלמיד איז געווען ישוע הנוצרי, האָט געלעבט נאָך הלל הזקן. (ספר הקבלה להראב״ד) דאָס הייסט: דער מחבר פון עומר השכחה האָט פאַרוואַנדלט די צוויי יהושע בן פּרחיהס אין איינעם.

שמעון חשמונאי האָט געהאָלפן דעם סירישן קעניג אַנטיאַכוס־סאַטער אין דער מלחמה קעגן דעם אוזורפּאַט טריפאָ, וואָס האָט געהאַט פאַרכאַפּט דעם סירישן טראָן. דער מיליטערישער בונד מיט רוים איז אויך דעמאָלט באַנייט געוואָרן און רוים האָט געוואָרנט די פעלקער אַרום ארץ ישראל זיי זאָלן ניט אָנפאַלן אויפן יידישן לאַנד. אָבער נאָכן באַזיגן זיין קעגנער טריפאָ, האָט דער סירישער קעניג אַנטיאַכוס־סאַטער פאַרגעסן די טובות פון שמעון חשמונאי און איז אָנגעפאַלן אויף ארץ ישראל, ניט קוקנדיק אויף די וואָרענונג פון רוים. רוים האָט ניט געשיקט איר אַרמיי צו העלפן דעם יידישן פאָלק קעגן די סירער. יוחנן און יהודה, די צוויי זין פון שמעון חשמונאי, האָבן מאָביליזירט צוואַנציק טויזנט יידן און דורך אַ קלוגע פאַרמירונג פון זיי אויפן שלאַכט פעלד איז די צוויי יונגע קאָמאַנדירן געלונגען צו באַזיגן די צאָלרייכערע און בעסער באַוואָפנטע אַרמיי פון די סירער. (חשמונאים־א. ט״ז)

זענענדיק אַז מיליטעריש וועט ער קיינמאָל ניט זיין בכח צו באַזיגן דאָס יידישע פאָלק, אַזוי לאַנג ווי די חשמונאים וועלן זיין די מנהיגים, האָט דער סירישער קעניג אַנטיאַכוס־סאַטער געזוכט אונטערצוקויפן די יידן, וואָס האָבן פיינט געהאַט די חשמונאים, אַז זיי זאָלן אויסמאָרדן זייער שונאים — די חשמונאים. אַ געוויסער תלמי בן אבובי איז געווען דער יידישער קאָמאַנדאַנט אין

ערבות יריחו, ער האט געהאט א סך גאלד און זילבער און איז געווען אן איידעם פון כהן גדול. אים האט זיך פארגלוסט צו ווערן דער מושל איבערן יידישן פאלק און דעריבער איז געלונגען אנטיאכוס־סאטער איבערצוקויפן אים, אז ער זאל דערהרגנען שמעון חשמונאי און זיינע זין. אין יאר הונדערט זיבן און זיבעציק פון יונישע צייט רעכענונג אין חדש שבט האט שמעון חשמונאי באזוכט אלע שטעדט פון יהודה צו אינספעקטירן דאס לאנד מיט זיינע צוויי יינגערע זין מתתיהו און יהודה און זיי זענען אויך געקומען קיין יריחו. האט זיי תלמי בן אבובי איינגעלאדן צו א סעודה אין א קליינע פעסטונג, וואס ער האט געבויעט פאר זיך, און פארשטעקט דארט מענטשן צו לאקערן אויף זיי. ווען שמעון מיט זיינע זין האבן געהאט געטרונקן א סך וויין זענען תלמי מיט זיינע מענטשן אנגעפאלן אויף זיי און זיי דערהרגט . . . (חשמונאים־א. ט״ז)

יוסיפון־פלאוויוס באהויפטעט אז תלמי בן אבובי איז געווען אן איידעם פון שמעון חשמונאי, (דער אלטערטום פון די יידן בוך 13, קאפ. 7־4, מלחמות פון די יידן בוך 1, קאפ. 2־3) און אלע היסטאריקער האבן עס איבערגענומען פון אים. אבער פון חשמונאים־א, פון ווו אויך יוסיפון־פלאוויוס האט גענומען די געשיכטע, ווייזט זיך עס ניט אזוי קלאר ארויס. אין דער העברעישער איבערזעצונג פון י. ז. פרענקיל שטייט — „והוא היה חתן לכהן הגדול״: תלמי בן אבובי איז געווען אן איידעם פון כהן גדול, וואס אויב מען זאל מיינען שמעון חשמונאי האט געדארפט שטיין „והוא היה חתן לשמעון״: ער איז געווען דער איידעם פון שמעון, ווייל אין דעם גאנצן קאפיטל ווערט גערעדט וועגן שמעון חשמונאי. עס וועט דעריבער זיין מער סברא אנוצנעמען אז תלמי איז געווען אן איידעם פון א כהן גדול, וואס האט פארלוירן די כהונה גדולה ווען די עלטסטע פון פאלק האבן שמעון חשמונאי דערהויבן צו זיין נשיא און כהן גדול. די סופרים און די חסידים זענען שוין א מאל איבערגעגאנגען צום יונישן גענעראל בכחידס, אין דער צייט פון יהודה המכבי, ווען ער האט בעשטימט אליקים פאר כהן גדול, ווייל זיי האבן געהאלטן אז ער שטאמט פון אהרן הכהן, ניט די חשמונאים. די חשמונאים זענען געווען א משפחה פון בית יהויריב כהנים, וואס די נביאים האבן זיי באשטראפט אז מען זאל ניט מאכן פון זיי קיין כהנים גדולים. (חשמונאים־א. ז׳, תענית כ״ז)

א. נ. שטענצל

## בזמן הזה

אונטער יאנקעלעס וויגעלע,
איז עס א ציגעלע געווען,
גאנצע סטאדעס שטייט עס אצינד — —
אויפן הר־ציון כ׳האב׳ס געזען.

פון קריגעלע, מיט זיגעלע,
געווארן איז א גרויסער זיג!
אז גרענעץ־וועג געוואר באוואכט,
וועט ווער וואגן ווידער א קריג?



געאקערט, געזייט, די קאסע,
זי איז שארף — נאר מת תחת מת!
מיט געזאנג זאנגען צו שניידן,
גאט, דער גרעסטער מכבי־נס.

## זי וועט מקוים ווערן די נבואה

„מי כמוך באלים אדוני״,
ציט עס זיך פון אייביק אן ביז אצינד!
אז מיר עקסיסטירן נאך היינט צו טאג,
א מכבי יעדעס יידישע קינד.

נישט טויף־בעקנס, צומאל נישט א ירדן —
א קוואל טיף אין אייגענעם הארצן רינט;
אינם „בדמיך חיי״־טראפן,
געטובלט נאך אלץ דאס יידישע קינד —

און דער „ונער קטן נוהג אותם״,
דעם וואלף מיטן לאם, דעם לייב מיטן רינד — —
זי וועט מקוים ווערן די נבואה!
צומאל נאך מיט א לעצט מכבי־קינד.

## נסים - פלעמלעך

„מי שאמר לשמן שידליק יאומר לחומץ שידליק״
שוין שטייט זי, די מנורה, א גין־גאלדן געהעמערטע,
די קנייטלעך צום אנצונדן, שטעקן שוין אין די רערן;
בלויז ווו דאס קריגעלע בוימאייל מיטן כשרן חותם?
אונטערן הארץ באהאלטן ליגט א לאגל מיט טרערן.

בין־השמשות־טונקלניש, שאטנס שפרינגען שוין אויף די ווענט!
אבער דער וואס האט געקענט זאגן בוימאייל זאל ברענען,
דער קאן דאך גריילעך אויך זאגן, אז טרערן זאלן לייכטן —
וואס פאר א לאגל, גאנצע וועלט באלייכטן שוין צו קענען!

פונקט ווי די שמינקענדיקע ליכטעלעך, קענען זיי פינקלען,
פארלאשענע אויגן מיט נסים זיך אנגעצינדן;
אזעלכע פלעמלעך צאנקן נישט, גייען שוין קיינמאל נישט אויס —
וויסטע שטורעם־ווינטן, ווינקענדיק, איבערצוווינדן.

## אן עמוד־האש באלאדע

ווילד ווייעט מדבר־ווינד,
דער חושך ווי געדיכט;
אין נאקעט הוילע הענט,
צאנקט לעצט פיצעלע ליכט.

אז וואס געבליבן שוין?
שנויצל אש — די קנויט,
און ציטערדיק פינקל
ראנגלט זיך מיטן טויט.

הייסע טרער פארגליווערט,
פאלט פון ברעם שווער אראפ —
דערשטיקט ווערגט זיך פלעמל,
מיט שמעלצנדיקן טראפ !

חושך וחלקלקות — —
א טריט ס'זאל וואגן ווער ?
פאר די פיס וואלגערט זיך,
צעבראכענער לאמטער.

וווּנדער איבער ווונדער,
האנט צו האנט שטרעקט זיך אויס.
און אינאיינעם אזוי,
מ'גייט פון חושך ארויס.

א גאנג, אזא געזאנג,
פונקן צעשפריצטער טראָט — —
אליין מ'ווערט דאָס ליכט,
עמוד־ענן פון גאט.

## חנוכה־באלאדע אין מאסקווע

אז זין און טעכטער קיין עין־הרע,
האט מען אייניקלעך און אוראייניקלעך יאַק מאַק !
זיינע אייניקלעך נאך געמלעטע,
אבער די אוראייניקלעך — — קנייפט ער זיך אין באק.

נאך זיין ווייב האט ער נאך קדיש געזאָגט,
נאך אים עמעצער זאל זאגן נישט זיין שוין ווער,
אפשר די שניר א ליכטל אנדונדן,
אין צערקווע — — פינקלט אין זיין אויג גליאיק א טרער.

היינט ביינאכט ס'ערשטע חנוכה־ליכטל,
ריח פון לאטקעס גייט אויף געפרעגלט אין זיין נאז — —
דרייט זיך זיין קאפ דאס דריידל אויפן טיש ?
ווען די אלטע געלעבט נאך, געווען ער א באלבאס —

זיינען זיי אלע פארזאמלט געווען,
ס'לעקט די פינגער פון לאטקע דער אידעם דער גוי !
איז נישט קיין מנורה, „בשעת הסכנה
ומניחם על שולחנו ודיו“, • — —

ווי געטראָפּעצט דאס אייל פון די לאטקעס,
געשפירט דעם נס־חנוכה מיט יעדן ביס !
פון „מעוז צור“ טאקע נאר געזינגען
בלויז דעם ניגון, אבער אלע געשריגן : „ביס“ !

דערנאך די אקע, דער זעקס און זעכציק,
טריומף ! יום־טובדיק פייערלעכער קארטן־געמיש,
און ער צווישן זיינע אוראייניקלעך,
דאס דריידערל שמונה־עשרהדיק אויפן טיש :

---

• שבת כא. א. (מ'לייגט ארויף אויפן טיש און ס'געניגט.)



גימל — געווינען, היי — האלב, נון — נאכמאל,
ווי ס'לויפט, ווי ס'דרייט זיך — עס דרייט זיך די שטוב פון פרייד !
שין — שטעל צו — „נאטקע גנב האקט שלעסער“ !
לייגט צוזאם אלע פיר אותיות, איר פארשטייט ?

קאָן ער זיי דערציילן פון א מכבי
פון א כהן־גדול, א קריגעלע בוימאייל ?
זאל זיין א „נאטקע גנב האקט שלעסער“
אן אבר המדולדל, אבער פון פאלק א טייל — —

מילא איז נישט „נס גדול היה שם“ —
איז פה א שניר א שיקסע, אן אידעם א גוי !
אבער אז פון גאנצן גרויסן ווונדער,
אויסגעלאָזן ס'האט זיך פינסטער חושך אזוי — — —

גייט ער שטיל־פארטראַכט צום טישלעדל צו,
נעמט פון דארטן דאס בלייערנע דריידל ארויס,
א ליכטל פינקלט א טרער אין זיין אויגן :
נס גדול היה שם ווי געוואַלטיק ווי גרויס — — —

צי קאָן ער גיין צו דער גויאישער שניר,
די לאטקעס געפרעגלט אויף חזירשן שמאַלץ,
און אין מיטן שטוב שטייט די כואינקע
באהאָנגען — — עס פארשנירט אים א פעטלע דעם האלדז !

א צוג־ווינט אין שטוב ? ס'טריפן די ליכטלעך —
פון זיינע אויגן קאַפּעט א טרער נאך א טרער ;
ער דרייט זיך שנעל אויס און קוקט זיך ארום,
שטיל אויף די שפיץ־פינגער קומט אריינצוגיין ווער —

אין אפענער טיר שטייט זיין עלטסטער זון :
„טאטע, מיר ווארטן אויף דיר די גאנצע נאכט,
די לאטקעס האבן קיין יידישן טעם,
פארוואס נישט געקומען, ס'דריידערל מיטגעבראכט ?

„כ'פארשטיי, אבואינקע, טריפה לאטקעס,
אויף אזא פראזשניק וויאזוי קומען צו גיין ?
אבער וואס זיינען די קינדער שולדיק ?“
און פאלט אויפן פאטער ארויף מיט א געוויין —

ס'איז דער כאָטער מיט אים מיטגעגאַנגען,
די טאכטער א לאטקע נאך אנגעפרעגלט פריש !
און אקע געשפילט, א זעקס און זעכציק,
און דריידל שטייל שמנה־עשרה־שטיל אויפן טיש.

## 22׳סטער נאוועמבער 1963

1

פון הוילן הימל אויסגעשאָסן א געשריי,
דאס הארץ פון דער וועלט א רגע געבליבן שטיין ;
מיט ראַדיא־רייד, טעלעוויזיע־רמזים,
און מיט אלע צייטונגס־קעפּ, קוים עס צו פארשטיין.

וואס מער מען וועט דערגיין, אלץ מער פארפלאָנטערן,
אז אונזער גאנצע ערד א שפּינען־נעץ. שוין איצט ;
„צו ערשט איז געווען דאס ווארט . . . און גאט איז דאס ווארט".
דורך מיין קאָפּ געצילטער־שאָס, פלוצלינג אויפגעבליצט.

נישט נאר כשוף־שפּרוך — פארמול, ווארט שוין געוואָרן !
שפּאלט שוין ערד־קויל ווי מיט א שארף־געשפּיצטן קלין — — —
א גרויליקע רגע, גורלדיק געווען, ווען
זיך ארויסגעכאַפּט מיט אנוכי־ווארט : איך־בין —

א בערלינער ! מילא, געבוירן אזעלכער,
אבער א פרעמדער וויל איצט איינער פון זיי זיין,
אליין פון אייגענעם ווילן — — — מ׳ווערט געניזוקט
מסתם, אויף סדום אזא מליץ־יושר צו זיין.

מעג ער זיין ווי יושרדיק, מעג ער זיין ווי ריין,
און פּויפּסטלעכער ווי דער פּויפּסט, און הייליגער צומאל ;
פארקערט : איין פארקערט וואָרט אין צדיק־הדור׳ס מויל,
און ווערט, הס־וחלילה, דער חטאת־הקהל . . .

„הכצעקתה" ? * אראָפּגענידערט קיין אשוויץ ?
געהערט ס׳געשריי פון דער ווארשאווער געטא־נאַנט ?
„ואנוכי" עפר ואפר" ** צוועלף מיליאָן
שטרעקט זיך אויס פון אליין א פארקוילט שווארצע האַנט —

2

אין גאַנץ בערלין, אין אלע פענסטער ברענען ליכט,
פאר זיין נשמה וועגן אנגעצינדן ס׳איז . . .
בלויז וויפיל ליכט פאר די זעקסט מיליאָן יידן ?
גאט אליין נאך שבעה זיצט, הארץ זיינס — קריע־ריס.

האט דאך אמאל א ייד אויף זיך אויך גענומען,
די זינד פון די מענטשן, און געליטן דערפאַר — —
בלויז וואס פאר א פּנים וואלט די וועלט שוין געהאט,
אז נישט יעדע זאך אין זיך איר עונש און שכר ?

---

* בראשית יח. כא.
** כא. כז.



א פופאל, א סיבה ? איין „סיבת הסיבות" *
דער ציטער איצט איבער דער צעצאפּלטער ערד — —
וואס פאר א זכיה, איין שטאַרבנדיקער מענטש, און
איבער זיין טויט, אזא הימל־געשריי זיך הערט — — —

דאס אומשטערבלעכע, די אייביקע רגע ?
ס׳ביסל לעבן א בליץ בלויז ! א שליחות טוט —
אן אחריות־ראַזמאַך, חבריש, אחדותדיק,
געחתמעט מיט לעצטן דם־התמצות־בלוט.

טויזנט פודיקע אטאָם־באָמבע געפאלן,
נישט אויפגעציטערט שטאַרקער, ס׳הארץ פון דער ערד — — —
אפשר שוין אפּגעקומען די שרעק שוין דערמיט,
און געהייליקט אזא אומגעקומענער ווערט —

געפילט מסתם דעם ציטער איבער אונזער טויט,
דאַרפאַר זיינעם געוואלטיק אזוי טיף דערפילט ;
און ווי דער סוד פון לעבן אייביק פארהוילן,
אזוי — די שטערבלעכע קויל אין זיין מוח געצילט.

## זיין עמינענץ דער פויסט . . .

געשוויגן ווען זעקס מיליאָן יידן אויסגעקוילעט,
מורא געהאַט היטלער זאל זיין קירכע נישט צעשטערן ;
איצט זיין מורא פאר די אראבישע בישאָפן,
די יידן ריין פון קריסטוס־מאָרד — מורא צודערקלערן.

וואלט ער אבער באמת מורא געהאַט פאר גאט,
פאר די אלע מורא׳ס ער וואלט זיך דאך נישט געשראָקן,
און מיר — די אלע הונדערט דורות אין די שטעטלעך,
ווען אנגעהויבן קלינגען ס׳האבן די קירכן־גלאָקן.

ווי געעכאָט יעדער קלאנג אין אונזערע הערצער,
מיט לעצטן ווארט „אחד" אלצדינג שוין איבערצוטראָגן —
א חוץ, ס׳איז בלויז דעראויף : אין אונזער מורא פאר גאט,
דעם „שמע ישראל" מיר זאלן נישט אויפהערן צו זאגן.

„אמת מארץ תצמח"

פארט ער אצינד דארטן אהין מתוודה צו זיין,
זיך קלאַפּן על חטא אויף די צוויי טויזנט יאריקער זינד,
שווער באַגאַנגען א קייגן די קינדער פון ישראל,
אדער דעם בלוט־שליאַד מיט זיינע טריט פארטרעטן אצינד ?

---

* פתח אליהו (תקוני הזוהר).

דעם בלוט־שליאד ער וועט אים נישט מער פארטרעטן קענען,
ער ציט זיך דאך בלוטיק אזוי איבער דער גארער ערד,
מיט אש־שייטער שטויבעלע צום הימל שוין ארויף —
— — — — — — — — — — — — — — — — — — — — — —
אויב מתוודה זיין ? זאל ער דאך פון גאט ווערן דערהערט.

ס א נ ע ט

נישט נאר מאמע רחלס געוויין דערהערן,
ווען בעטרעטן די ערד פון ארץ ישראל ;
פון געקלאג פון די מומע מרים צומאל,
זיין גאנץ הארץ פון צער אויפגעציטערט ווערן :

„א, גאט ווען וועט דאס שוין אמאל אויפהערן !
אין נאמען פון מיין זון, געקוילעט אן צאל,
און אין מיין אייגענעם צומאל, וויפיל מאל —
גיהנום־טאל שוין פול מיט מיינע טרערן״.

באטישעלי׳ס מאדאנעס באגלייטן אים,
און די צוויי לאנץ־קנעכט פון יידע זייטן אים —
צערבעראנס און גרוניוואלדס בלוטיקע קרייצן.

זאל ער דאך, אויפן גאלגאטא ווען ער וועט שטיין,
נישט בלויז דעם „אלי אלי״, נאר אויך שוין פארשטיין,
פונם ירדן אונטן אונזער טרערן־פלייצן.

## מיין טאטנס הויז
(שלוס פון קאפיטל)

עס האט געמוזט נעמען א שפארע ווײלע ווי איך האב אזוי פארטיפט אין מיר אריינגעלערנט און דוד בעל־תשובה איז רואיק ביי מיין זייט געזעסן און שטיל זיך איינגעהערט. דאס בית־מדרש איז געווען ליידיק. הינטן ביי דער טיר זיינען געשטאנען די דריי און מיט זיי נאך איינער. א בית־מדרש־בחורל, די פאהלעך גלאט פארקעמט הינטערן אויער. עלעגאנט און געפאסט אנגעטון, ס׳ריפסענע יוביצל, ס׳היטעלע. די שטיוועלעך פיין געפוצט און א שווארץ בענדל אינם געפרעסטן העמד־קראגן. פון דעם גאנצן צעגלאנצטן שווארצן און פארקנעפלט ביז אראפ האט דאס קעפל, א באוועגלעכס, ווי לויערנדיק אויף עפעס ארויסגעקוקט.

ווען איך האב די אויגן אויפגעהויבן פון דער גמרא ארויס, — מסתם דערשפירט, אז פון הינטן, פון דער טיר קוקט מען אויף מיר — האב איך צוערשט די דריי נישט געזעען, דעם פירטן אויך נישט, נאר די שארף אנגעשפיצטע אויגן פון דעם לויערנדיקן קעפל, וואס קוקן אויף מיר. מיר האבן זיך א רגע ווי אפגעמאסטן און געבליבן קלעבן איינער אויפן אנדערן.

איך האב מיך געשטארקט און ווידער זיך גענומען פארטיפן אין דער



גמרא, אבער די שווארצע, שארפע, אנגעשפיצטע אויגן האבן אנגעהויבן צו טאנצן צווישן די שווארצע פינטעלעך. און נישט נאר די אויגן, דאס טונקל־צארטע פנים מיטן קלוגן קנייטשל אויף די שארפע ליפן, צוזאמענגעצויגן אין א וויי־חכם שמייכעלע, איז געווען ווי אנגעצילעוועט אין איין פונק.

איך שטארק מיך נישט ארויסצוקוקן פון דער גמרא און בין מיר מסביר נאכאמאל און נאכאמאל דאס פריער אויסגערעדטע. דער גמרא־ניגון ציט זיך. איך הייב ארויס די אויגן, אבער איך פארקוועטש זיי : „ממילא איז דאך געדרונגען״ . . . ווען איך עפן זיי אויף, שטייט ער ביי דער אנלען פון דער באנק, פונקט קייגנאיבער מיר אויף דער אנדערער זייט טיש, ער האלט מיך מיט זיין בליק און מיט דעם קלוגן אויף זיינע ליפן, אז איך מוז אויף אים קוקן (די אנדערע דריי זענען שוין נישט געווען) : „איך זע דו לערנסט קידושין, מיר אין אמסטעוו האלטן פונקט אויף דעם בלאט. מיר לערנען נישט די מסכתא, מיר לערנען די סוגיא . . . מיר האלטן שוין אזוי פינף וואכן. האב איך מיר געטראכט, כ׳וועל מיך אוועקכאפן אויף א טאג און ווען כ׳וועל צוריקקומען וועט מען זיך נישט האבן גערירט פון ארט . . . און איצט העט ער נאך חתונה געהאט מיט א רביצין . . .״ ער ענדיקט נישט דעם זאץ, נאר די פינף פינגער צוזאמענגעלייגט אין א בינטל לייגט ער צו צו די פייכטע, פארשפיצטע ליפן און עס הערט זיך א קוש, — די אויגן שווישטשען אים נאר !

דער בעל־תשובה, דערהערנדיק דעם קוש, האט אויפגעהויבן א קלארן בליק, א רגע שטיל געקוקט אויף מיר און א צעמישטער צוריקגעלאפן צום ארון־קודש און אנגעהויבן צו מאכן דארט זיינע משוגענע הועיות ווי פריער. געשריגן, געוויינט, געקלאפט זיך מיט די פויסטן אין קאפ, געריסן אויף זיך די שוין צעריסענע לאכעס און ווילד ארויסגעלאפן.

אויפן פלאץ פון דוד בעל־תשובה איז שוין געזעסן דאס בחורל און מיר שוין נאכגעזאגט א פשטל אויף „שבת לאו זמן תפילין היא״.

ער האט גערעדט מיט הנאה און געשפירט מיין הנאה פון די פיינע איינפאלן. דאס וויי־חכם־שמייכעלע האט געטאנצט פון זיינע שארפע ליפן אין די פארשפיצטע אויגן, די מענטשעלעך האבן אנגעהויבן טאנצן אין די מענטשעלעך אין מיינע אויגן האבן מיטגעטאנצט. און אזוי פונם פלפול איז מען ארויף אויפן ישיבה־לעבן אין אמסטעוו, אויף די עילוים פון אמסטעוו . . . „יא, איך האב שוין געהערט פון דיין ברודער, ער איז דאך געקומען פון קליביצק קיין אמסטעוו . . . די היינטיקע שיינע אמסטעווער רביצין איז דאך די אלמנה פונם קליביצקער״ . . . ער האט איבערגעריסן מיט א קלוגן וואונק : „ווייסט, הערש דוד נאמבערג איז אויך אן אמסטעווער תלמיד און מיין ברודער אברהם״ . . .

איך האב איבערגעלאזט די אפענע גמרא מיט אן „עירוב״ און אזוי שמועסנדיק — ער ריידנדיק און איך הערנדיק, אבער די אלע ווערטער און נעמען נישט פארשטייענדיק — זענען מיר ארויס אויפן בית־מדרש־הויף. דער בעל־תשובה, דער משוגענער דוד, איז שוין צוריקגעלאפן אן אפגעצוואגענער פון דער מקווה, און פון בית־מדרש האבן זיך געהערט זיינע יללות.

איך ווייס, אז אין דער היים ווארט מען שוין אויף מיר מיטן מיטאג, אבער

איך קאן מיך נישט אפרייסן. זיין ריידן גיסט זיך אין מיר אריין ווי א שארף־שמעקעדיקער, זיסער האניק. אנקומענדיק פאר אונזער גאס, האט ער מיר שוין געהאט געזאגט פון אויסנווייניק זיין ברודערס „כייקל שכור", „דאס גאסן־מיידל", און אז ער אליין שרייבט חסידישע מעשהלעך אלא פרץ . . . און אז געקומען איז ער ווייל לאזער האט אים צוואויסן געטון אז שלום־עליכם וועט היינט האבן א פארלעזונג אין דער „לירע". ווען דו ווילסט, קאנסטו מיט אונז מיטגיין. איך האב א בילעט . . . ער איז א זשעניע, כ׳מיין א גאון. וועסט משוגע ווערן הערנדיק" . . .

פון דעם אלעם דערציילטן, געזאגטן האב איך מיך קוים געקענט פונאנאנדערקלייבן. אבער כ׳האב דערשמעקט עפּעס אזוינסט, וואס איז מיר אריין אין די ביינער. דאס גאנצע בחורל, בשעת עס קוועטשט זיך מיר עפּעס מצייר צו זיין, קאן איך אינגאנצן אין הארץ אריינלייגן.

„ווער איז ער דער פרץ שלום־עליכם, גלויבט ער אין תורה מן השמים ?" פרעג איך, ווי פאסנדיק א שנעלן באשלוס, כדי מיך אריינצודרייען אין אונזער מייער אריין.

„נייך !" שפּיצן זיך אים די פייכטע ליפּן־ווינקלען מיט דעם ווײ־חכם שמייכעלע, און דאס טאנצנדיקע שדל שפרינגט אים פון געשפּיצטן בליק, מיך אדורכנעמענדיק מיט נייגיריקייט : „אז איך זאל ערלעך זיין, נייך".

„קאן איך נישט מיטקומען. א ייד, וואס גלויבט נישט אין תורה מן השמים, טאר מען אים נישט קוקן אין דער צורה אריין". ער הערט פון דעם געזאגטן, אז דאס איז א מין זיך אפּשאקלען פון דעם גאנצן גערעדטן, א שעה געשמועסטן. האלט ער מיך ביים ארבל, אז איך זאל מיך נישט ארייַנדרייען אין טויער אריין : „שוטה, וועסט נישט אויף אים קוקן, וועסט הערן תורה מן השמים". און מיר נאכשרייענדיק : „איך ווארט דא אינדרויסן אויף דיר ביז וועסט ארויסקומען !"

דער האלבער טיש איז נאך געווען צוגעדעקט, אבער ס׳איז שוין געווען נאכן עסן. ביים צווייטן העלפט איז צימעלע שוין געזעסן און גראנירט די היטן. די קארטאפל זענען געווען צוגעפּרעגלט, זיי זאלן נישט זיין איבערשטאנען. דער טאטע האט געזען, אז איך עס צו שנעל און אייל מיך פטור צו ווערן : „זע נאר ווי די תורה ברענט דאס אין אים, אדער האסטו שוין וועם דארטן, דאר גערער חסידל, דעם הענעכלען ? אדער איז עס דער, וואס דרייט זיך דרויסן ?" האט ער געוויזן מיטן פינגער צום פענסטער.

כ׳בין רויט געווארן. צי ווייל כ׳האב נישט געענטפערט אויף דער ערשטער פראגע, אדער איז עס עפּעס טיפערס געווען, וואס כ׳האב געוואלט האלטן סודותדיק און ס׳איז שוין ארויס . . .

„עפּעס געפעלט מיר נישט דאס בחורל", האט דער טאטע געזאגט ווי צו זיך ווי נאכגעטראכט. אבער ווי זיך געוואלט דערמאנען אינם אויסזען, אינם אנבליק, וועמענס דאס בחורל איז — געשמדט און געהאנגען ! די געפּוצטע שטיוועלעך, דאס יאלדישע היטעלע.

איך בין שווייגנדיק שטיל ארויסגעגאנגען, ווי מיך ארויסגעגנבעט, ווי



געצויגן פון וועם, ווי א בעל־תאוה, וואס קאן זיך נישט איינהאלטן, וואס מוז זיך נאכגעבן די שמד . . .

ווי נאר כ׳בין ארויסגעקומען און אים דערזעען בין איך פריילעך געווארן, און ער נאך פריילעכער, מיט פלאמענדיקע אויגן : „קום שנעל, איך שטארב, א פאפּיראסל ! מיר וועלן ארויס הינטן ארום אויפן פעלד . . . כ׳האב צייט ביז ארום זעקסע. דעמאלט טרעפן מיר זיך אלע דארטן ביים וואסער און מיר גייען צום אוונט".

ער איז קליין און איך בין אסך גרעסער, און קוים כ׳בין אים נאכגעלאפן. ווי נאר ארויס הינטערן לעצטן הויז, האט ער שוין געהאט ס׳פּאפּיראסל אין האנט : „ווילסט אויך א פּראגרעסל ?" ער האט אפילו נישט באמערקט מיין מאך מיט דער האנט, אז נישט.

ווי נאר ער האט דאס ברענענדיקע ציגארעטל געהאט אין מויל האט ער א גאנץ אנדער פנים באקומען. ווי קליין ער איז געווען, ווי שמאל, האט ער מיט איין מאל אויסגעזעען ברייטער און העכער און דאס באוועגלעכע, גרויליך טונקל פנימל גרעסער און באוועגלעכער, די קאלירן האבן זיך געביטן — גרינלעך־ראזע האט עס אויסגעזעען.

און די גלאטע, שכלדיקע רייד, וואס האבן זיך אים פריער פון די פייכטלעכע, פארשפּיצטע ליפּן געגאסן ווי האניק, האבן איצט געשפּריצט מיט פונקען און דאס שדל אין זיין קויל־ברענענדיקען שווארצן קאסאקע בליק האט מיך אינגאנצן משוגע געמאכט. איך גיי אים נאך א פארגאפטער מיט אן אפן מויל— אברהם הערציילט מיר די מעשה פון די זיבן גזלנים ! און די לאנקע דא, די לאנקע ? בין איך נישט אין פארעמקע ביי שלמה מלכן ? . . .

„אז פרץ קומט, ווערט די גאנצע שטאט אנדערש. זי ווערט שבת־יום־טובדיק . . . די ארבעטער, די אינטעליגענץ, די אסימילאנטן . . . ער האט ליב טשענסטאכאוו, דא געשריבן „דאס קראנקע יונגל," — דער קלויסטערשפּיץ קוקט אראפּ מיט רחמנות צו דער שול . . . דאס יינגל גייט ביים פלאכן ברעג פון טייך . . . שטעטס מוז ער גיין דעם וועג פון קאשטשיאל צום בריקל אראפּ, צום בית־מדרש . . . די געסלעך זענען פול אים אנצוקוקן . . . די שכינה רוט אויף זיין פנים . . . איך חלש שוין היינט אוונט צו זען שלום־עליכמען . . . דאס איז גאנץ עפּעס אנדערש, הימל און ערד ! ער דער שליאכטשיק מיט די פוילישע וואנסעס איז דווקא דער הימל, און דער, דער קראנקער, דער סוכאטניק — די זאפטיקע אוקריינישע ערד".

איך האב נישט קיין סך פארשטאנען פון דעם אלעם, וואס ער האט גערעדט, מיר דערציילט. אבער אלץ איז געווען אזוי פלאמיק, אזוי פונקען־שפּריצנדיק מיט איין ציגארעטל נאכן אנדערן : „ווייסטו, אז איך האב א ציגארעטל, ברויך איך נישט צו עסן, ברויך איך גארנישט — א מענטש אין אים ארייַנצורײדן !"

ער איז געווארן אומרואיק, גענומען זיך כסדר ארומקוקן : „זיי גייען !" פון הינטן זענען אנגעקומען די זעלבע דריי, וואס היינט אין דער פרי פארן בית־מדרש. לאזער מיט יאנקלען גייען פארטיפט אין א שמועס, און דער הינקענדיקער סטודענט האלט זיך אן ביי אן אקסל — — דודל, דוד ריכטער,

פון בית־מדרש!

ער מערקט מיין ענדערונג: „דערשרעק דיך נישט, זה הקטן גדול יהיה... די אנדערע ווילן ווערן שמאקטוירעמלעך, חזרן גראמאטיקעס מיט באסניעס פון אויסנווייניק... דודל וואקסט א גרויסער, ער האט א תפיסה פון א גדול, תפיסה תרתי משמע, מ׳וועט אים נאך ארייננפאקן אין תפיסה אריין... אין צווייטן געסל, דארטן ביים בית־מדרש אין „ביתל", פארשטייסט „אין הייזל" האבן זיי זייערע געהיימע סכאדקעס...

„קודם מוזן מיר כאפן א שווים!" האט דער הינקענדיקער סטודענט אויס־געשריגן, אנשפרינגעדיק — אויף זיין צעדרייטן פוס, ווי פון גומע.

„טאקע", האבן אלע מסכים געווען. און דודל מיט א ווונק, מיך אנקוקנדיק: „מיר גייען דאך מקבל־פנים זיין א רבין, ווען מיר זיך פריער טובל זיין"...

„ס׳איז דאך היינט די דריי וואכן, מ׳טאר דאך נישט!"

„אונס רחמנא פטריה!" האט זיך וועוועשע צעלאכט, און שוין האלט מען מיך איינער ביי די פיס, איינער ביים קאפ. כ׳בין אויסגעטון. א שליידער אין דער לופטן און דער לאמער סטודענט כאפט מיך אונטער.

„איצט וועל איך אים שוין דעם סאמעטענעם הוט ציען איבער די אויערן!"

ווי לאם ער איז נישט געווען, ווי קרום, צעדרייט זיין גאנצער גוף, אזא גוטער שווימער איז ער געווען. און שוין לייגט ער קלאפטער איבערן טייוולס־גרוב מיט איין ארעם און מיט דעם אנדערן שלעפטער מיך נאך זיך. איך טאפיע מיך! איבער מיר הער איך א געלעכטער, און איין געדאנק, וואס איך קאן נאך טראכטן: שיין אויף דיר, אין די דריי וואכן! אבער די מאמע — און מער ווייס איך שוין גארנישט.

א מינוט שפעטער בין איך שוין געלעגן אויפן גראז, און זיי האבן מיך צוריק לעבעדיק געמאכט. דער סטודענט האט ארומגעטאנצט אויף איין פוס און געלאכט ווי א שד, וועוועשע האט זיך נאך געפארעט מיט מיר: „איצט מוזטו שוין מיטגיין מיט אונז, ווי קאנסטו אזוי אהיימגיין אין די דריי וואכן מיט א נאסן קאפ? מ׳עט דאך זען, אז דו האסט דיך געבאדן".

דודל איז צו אונז צוגעקומען: „ווילדע חיה, לאז דאך אים אויסטשוכען! דו זעסט דאך ווי ער זעט אויס... משוגעים, נעמען א ייִנגל, וואס ווייסט נישט, נישט אהין און נישט אהער, און מאכן אים משוגע... ער וואלט דאך פון דער בלויזער שרעק געקענט אוועקשטארבן"...

„איז מיט איין טערק ווייניקער!" טאנצט דער קולאס אויף איין פוס: „אבער איצט, איצט איז ער שוין אונזערער... ער האט געהאט די טויפע!" און ער צעלאכט זיך ווי א שד.

„סטאנעק, לאך אהער, לאך אהין, עפעס ליגט אין דיר טאקע עפעס א שד, א פארבארגענער סאדיסט. גייט, איך וועל באלד נאכקומען". און צו מיר האט זיך דודל אראפגעבויגן: „אמבעסטן וועט זיין, איך ברענג דיך אין בית־מדרש אריין; היינט איז דאנערשטאג, מ׳איז אויף א גאנצע נאכט. פון אוונט־קום איך אהין און אין דער פרי וועלן מיר צוזאם אהיימגיין. מיר וואוינען דאך כמעט אין איין גאס".



אזוי ווי וועוועשע האט געהאלטן אין איין ריידן, אזוי האט דודל געהאלטן אין איין שווייגן. צוקומענדיק צום בית־מדרש, בין איך שוין געווען אינגאנצן אויסגעטשוכעט. אבער טאפנדיק מיר די האר און שפירנדיק די נאסקייט: „ווייסט וואס, כ׳וועל נאך אביסל דא שטיין בלייבן אויפן בריקל און וועל שפעטער אריינגיין". דוד ריכטער האט מיך אנגעקוקט מיט זיינע מיושבדיקע אויגן, ווי זיך ענטשולדיק נישט נאר פאר זיך נאר אויך פאר זיינע חברים.

וואס מ׳קאן אין איין טאג לערנען! ווי מ׳קאן מיט איין שפרונג אמאל ביידע פיס צעברעכן! איך האב מיט איינמאל געוואוסט אסך זאכן, וואס איך האב נישט געדארפט וויסן, נישט געטארט נאך וויסן. מילא די אלע סודות פון די אמסטעווער ישיבה־בחורים, דוד ריכטערס „קאנספיראציעס", אפילו אז זיין אייגענע שוועסטער, וועוועשעס, איז ארויסגעשפרונגען ביינאכט פון פענסטער, פון איין שטאק און איז אנטלאפן מיט א שניידער־יונג, די אלע מעשיות פון זיין ברודער, דעם שרייבער.

אבער דער עיקר האב איך נישט געטארט געוואויער ווערן אויף איין מאל אזעלכע סודות, וואס זענען נוגע מיר אליין, מיין אייגענעם גוף... סודות, וואס איך האב עפעס יא געוואוסט און נישט געוואוסט, געפילט, געשפירט אין אלע מיינע גלידער... אבער איצט, שטייענדיק אזוי אויפן וויגנדיקן בריקל, און די וועלן רויטלענדיק זיך אזוי פון דער אונטערגייענדיקער זון זענען זיי מיר מגלה זיי מיט זייער שטילן געפליסטער, אזעלכע סודות, אז דאס פנים מיינס רויטלט זיך מיר מסתם אויך... נאך גוט, אז קיינער זעט נישט... סודות וואס דאס גיהנום־פייער טליעט אונטער זיי... מ׳מוז זיי צודושען! מכסה זיין.

ווי זיי האבן פאר אלץ אזעלכע ווערטער! „דאס לעבן איז ברוטאל!" ריכטיק „ברוטאל"! ווי הארט עס קלינגט דאסווארט! „די נאטור איז שטאר־קער פון אונז!" „מ׳מוז דעם טיוול געבן וואס ער וויל!" מ׳מוז אים צואווארפן דעם קרבן... די לילית... ווי שיין דאס האט געקלונגען דאס, וואס ער האט געזאגט פון דעם פרצן... און ווער איז דער מאניש?

„תורה מ׳גראשן"! צעלאך איך מיך. כ׳זע ס׳איז שוין טונקל, און דריי מיך אריין אין פינסטערן פאליש.

דאס הויקערדיקע שמשל, דער, וואס האט דעמאלט, מיט וואכן צוריק ביי מיין ערשטן אריינקומען, געזעגט טהרה־ברעטער, טיילט איצט ליכט די בחורים, וואס בלייבן איבער אויף א גאנצער נאכט: „ווילסט אויך איינס?" שטעקט ער מיר אין דער טונקלניש א ליכט אין דער האנט אריין, ווי פאר א חופה. „הכול יודעים למה כלה נכנס לחופה"... וואס טוט זיך מיט מיר? זיי האבן מיך שוין אינגאנצן צעדרייט... כ׳וועל מיר א מעשה אנטון.

פאמעלעך, פאמעלעך האבן זיך די ליכט אנגעצונדן דא, דארט — יעדער האט דאך זיין פלאץ. אין בית־מדרש איז שטאק־פינסטער, דער נר־תמיד שאקלט זיך אין דער פינסטערניש. דער פאליש איז פול מיט שאקלדיקע שאטנס. דא און דארט זיצט ווער ביי א גמרא. א ניגון קלינגט אזוי טרויעריק. איך קוק אויף די שויבן־טירלעך אין בית־מדרש אריין: איצט זאמלען זיך שוין דרינען די מתים! איך ווארט ביז אלע וועלן שוין זיצן ביים טיש, וועל איך מיר אויך

נעמען א גמרא און מיר א פלאץ אויסזוכן. דאס ערשטע מאל, וואס איך זע אזוינס. נישט אין טשעלאדזש און א נישט אין סאסנאָוועצער בית־מדרש איז אזוינס געווען . . . אזוינס געפילט סיידן צו כל־נדרי, ווען די ליכט ברענען אין די זאמד־קעסטלעך . . . נישט בחינם ירשט געהאט אן אמתע מקווה, מוז איך שוין לאכן איבער דעם געשעענעם . . . „תורה מ׳גראשן“ . . . ווי שיין דאס איז דאס! כ׳ווייס שוין נישט צי דאס, וואס איך זע איצט, צי דאס, וואס וואווטשע האט מיט א.א פייער פון אויסנווייניק געזאגט . . . זי שטייט מיר פאר די אויגן די חורבה, די לילית . . . א שוחט גאר מיט אהין אין מויל . . .

איך האב גענומען א גמרא און מיך געזעצט צום טיש. איך האב מיט די ליפן געמורמלט, און אפשר איז א גמרא־ניגון אויך ארויסגעקומען. אבער דער קאפ איז פול מיט דמיונות: חייקל שכור, און די אלע מעשיות וועגן זיין ברודער . . . דאס מיידל וועגט אויף א וואג איר ברוסט, איר לייב זי פארקויפט אייפן פונט, אויף לויט . . . און זיין שוועסטער שפרינגט פון פענסטער אראפ און אנטלויפט . . . א שוחטס א טאכטער? דער פאטער יאגט זי נאך מיטן חלף . . . אלץ שטייט מיר אזוי קלאר פאר די אויגן: וואוהין לויפט זי? . . . צו די חורבה? . . . צו דער „סבאָטקע“? . . .

ווי שטיל דודל, דוד ריכטער, האט געמוזט אריינקומען. אט זיצט ער צווישן אלע מיט א ליכטל איבער דער גמרא און לערנט שטיל, במתינות, מיושבדיק, ווי קיינמאל גארנישט . . . ער זעט מיך נישט . . . און וואו איז וועוועטשע געבליבן? און וואו איז דער בעל־תשובה? ער ליגט דרינען אין דעם פינסטערן בית־מדרש פארן נר־תמיד און וואויעט ווי עפעס נישט־גוטס . . . „ברוטאל“, ריכטיק „ברוטאל“, א טייער ווארט . . .

פלוצלינג שפיר איך א ווייכע שטילע האנט אויף מיין פלייצע, און איידער איך דערשרעק מיך נאך, הער איך דעם טאטנס קול: „כ׳האב פארשטאנען, אז דו ביסט דא. וואו דען? כ׳האב די מאמע געזאגט. דו האסט איר די נשמה פון לייב ארויסגעיאגט . . . שוין צען־עלף און דו ביסט נאך אלץ נישטא“. ער האט זיך נחתדיק ארומגעקוקט: „ממש א גן־עדן . . . זע, מ׳זאל דיך נישט ארויסטרייבן פון אים . . . אומעטום איז זי דא די שלאנג . . . גלויב מיר, כ׳וואלט מיך אנידערגעזעצט. כ׳ווייס נישט אויב דער לויתן וועט האבן אזא טעם ווי די געזאלצענע בייגל דעמאלט, ווען איך האב זיי האלבער נאכט דא געגעסן: „פת במלח תאכל . . . אבער די מאמע אין דער היים וועט ארויסקוקן . . . זי וועט נישט איינשלאפן.

דער טאטע האט מיך אנגענומען ביי דער האנט ווי א קינד, וואס מען מוז נאך באהיטן, און איך בין אויך געגאנגען אין איין שרעק: פארויס אין דער פינסטערניש האב איך דערזען דאס אונטערשפרינגען פון דעם הינקענדיקן סטודענט און דערקענט אין די ענטפערס וועוועטשעס קול. ס׳איז געווען א געשעפטשע, אבער א מין קריגן זיך: „וואס האסטו דיך אנגעכאפט אין דעם קאטשעלאפ, דעם טערק, וואס האסטו אים צו זאגן? וואס פארשטייט ער דען דיך, דער האלבער אידיאט . . . ווי דאס האט געציטערט פארן וואסער, דאס יידעלע . . .“



„דו ביסט דאך אן אנטיסעמיט . . . און אז א סאָציאַליסט?

„ביסטו דער ריכטיקער מנחם מענדל! ווי ער האט געליענט, געניאל — — דיין שלום־עליכם“. אין קול א מין גרינגשעצונג, א רייצן זיך . . .

„דיין שיענקיעוויטש קאן ביי אים פוצן די שטיוול. וואס פארשטייסטו פון די זאכן? . . .

„הייבסט שוין ווידער אן? דארט ביי איין פלעשל ביר, ביי קעלעשקל מיט איר וועלן מיר אלץ אדורכשמועסן; אין געזעלשאפט פון שיינעם מין רעדט זיך . . . מיט דודן ארבעט עס זיך גאנץ אנדערש. דו האלטסט אין איין . . . ער זעט דעם עיקר און פייפט אויפן איבעריקן . . . נאפלעוויאט! מיר וועלן זיך אדורכביקעווען די נאכט, ווי צוויי שלאכטשיצעס ווי צוויי מאנארכן . . . דו וועסט דיר דער נאך צוריקפארן צו דיין הייליקן תלמוד, און איך צו מיין געזעצלעכן קאדעקס“. איך הער אין דער פינסטערניש זיין לאכן וואס דערווייטערט זיך אלץ ווייטער און ווייטער, ווי בשעת אין דער לעצטער רגע ביים טאפיען. דער קאפ דרייט זיך מיר, רענדער פליען מיר פאר די אויגן.

אנקומענדיק פאר א לאמטער, האט דער טאטע מיך אנגעקוקט מיט א באזארגט פנים: „וואס ביסטו אזוי דערשראקן? דיין האנט ציטערט דאך . . . גלויב מיר, אמבעסטן גייסט אין שטיבל אריין, ס׳איז דאך היימישער“.

כ׳בין א גאנצע נאכט וואך געווען. שלאפנדיק מיטן טאטן אין איין בעט, האב איך מיך געהיטן איבערצודרייען, א ריר צו טון; געלעגן ווי א געבונדענער, ווי א קרבן. פארטאגס, א צעמישטער, א טויט־פארמאטערטער פון ווילדע דמיונות און הוריות בין איך איינגעשלאפן און מיך געפלאנטערט אין צעריסענע חלומות: מיין מאמעס פנים? ניין, די פאני קאוואלסקא . . . דעם חזיר־שלעגערס ווייב, אין איר גאנצער צעגלאנצטער נאקעטקייט שטייט אויף א וואגשאל אן אויסגעמאלענע אויף דער קאטערינקע, און וועגט שטיקער ברוסט . . . איך לויף פארויס מיט קאלבאס עס צו געבן דעם הינקענדיקן קאטעריניאזש: „פון דער פאני קאוואלסקא!“ . . . פון הינטן, פון וואסער, קומט ארויס דער בערן־טרייבער מיטן בער, ארום טאנצן די קינדער: „ברו־טאל, ברוטאל“ און פון דער ווייבער־שול, דורך די לאדן־לעכער קוויטשעט זשאס החזיר, וואס מ׳שלאכט אונטן אויפן הויף . . . „דער בער!! דער בער!!“ קוויטשע איך ווי מ׳וואלט מיך געקוילעט — איך טאפּע אין „טייוולס־גרוב“.

ווען איך האב מיך אויפגעכאפט, איז דער טאטע שוין נישטא געווען. ציימעלע איז שוין געזעסן ביי די היטן, אסתר אפילו איז אויך שוין אויף געווען. די מאמע, ארויסלויפנדיק פון בעט אין איין העמד, שטייט איבער מיר א דערשראקענע און שפייט מיך איבער: „נישט געשטויגן, נישט געפלויגן, אין אלע וויסטענישן . . . אלע בייזע חלומות“. פון דער קיך אין מיטן איר „גראגירן“ לאכט ציימעלע אריין: „ווי א חזיר, וואס מ׳בריט עס ביי מיכאלסקין אויפן הויף האסטו דיך צעשריגן . . . עס האט זיך אים געחלומט מסתם פון דער היים, פון טשעלאדזש“.

די מאמע האט מיך אנגענומען ביי דער גאמבע און קוקט מיר פארדעכטיק אין פנים אריין, ווי בשעת זי האט מורא, אז כ׳בין קראנק: „דא

האסטו דיר א נייע מעשה, דאנערשטאג אויף דער נאכט, דער טאג סאיעט נישט . . . כ׳שטארב !" שרייט זי אויס : „זע נאר די רענדער אונטער די אויגן . . . אז מ׳גייט שלאפן נאך האלבער נאכט !"

איך פארמאך די אויגן פון עפעס א פארבארגענער חרפה, א סוד, א זינד . . . כ׳שעם מיך צו זעען די מאמע, וואס שטייט אזוי פאר מיר, פאר מיין נאקעט לייב . . . כ׳שלעפ דאס אראפגערוקטע בעטגעוואנט ביז צום האלז ארויף: כ׳שעם מיך אנצוקוקן מיין אייגענעם גוף.

„האסט דיך שוין אויסגעביקעוועט ?" שרייט צימעלע אריין פון דער קיך : „דער באווארעק שטייט שוין אויפן טיש !"

דערהערט דאס ווארט „אויסגעביקעוועט" איז מיר א שוידער אריבער איבערן גאנצן לייב . . . דער גאנצער נעכטיקער טאג איז מיר געשטאנען פאר די פארמאכטע אויגן.

כ׳האב שנעל גענומען די תפילין אונטערן ארעם, שעמענדיק זיך עמיצן צו קוקן אין די אויגן אריין. האב איך מיך ארויסגעדרייט פון דער טיר.

וואוהין גייט מען ? אין שטיבל אריין, אין בית־מדרש ? ווי מעג איך נעמען א גמרא אין דער האנט אריין ? . . . צי אפילו לייגן תפילין ? כ׳האב מיך געלאזט איבער דער ראגאטקע אויף די פעלדער ארויס : וואו לויפט מען, וואו גייט מען ? כאטש מיך דערטאפיען דא אין וואסער . . . איך לויף און די דמיונות, די געדאנקען לויפן מיר נאך שנעלער פארויס : אט שטייט ער, וואזוטשע, מיטן ציגארעטל און דערקלערט מיר א נישט־פארשטענדלעך ווארט און אלץ איז אזוי קלאר . . . כ׳שפיר ווי נייע כחות אין די הענט : „ברוטאל !" יא, אבער דעם מח ווי האלט מען אים צוזאם ? ער צעפליט, ער צעשפרינגט, ער ארבעט : „תורה מ׳גראשן . . . מ׳גראשן" . . . אבער כ׳קאן דאך נישט ווערן קיין מתמיד. מיר טייטלען די שורות מיט א טריפנדיקער נאז — כ׳האב נישט קיין קורצע ראיה ! אבער אפשר ווערט מען קורצזיכטיק ווען מ׳ווערט א מתמיד ? ס א ז קיין אנדערע עצה נישטא, מ׳מוז זיך ארייננווארפן אינם ים־התלמוד ! שלמה איז גערעכט. מען דערטרינקט נישט, דאס וואסער טראגט שוין . . .

דער פרישער פרימארגן, די פרייע לופט, דאס לויפן — נאך נישט דער־שפירט אזא גליענדיקן הונגער — ממש א תאות־אבילה ! כ׳דריי מיך אויס אויפן וועג צוריק אהיים. די געדאנקען גייען פאמעלעכער. מיין טריט ווערט געלא־סענער. איך שמייכל צו מיר : „נאך א נס וואס היינט איז פרייטאג, און מ׳גייט אין מקווה אריין" . . .

אהיימגעקומען, בין איך א פריילעכער, א לוסטיקער ; כ׳האב געמיינט, אז איך מאך מיך, אבער באלד דערפילט, אז ס׳איז נישט געמאכט, נאר כ׳פיל מיך באמת אזוי

אן „שאו ידיכם", אן „המוציא", נאר דאס וואשן די הענט, דאס גיסן פון דער שעפ, דאס מקפיד זיין נישט אנצורירן דאס זעלבע אויער איז דווקא געווען מיט גרויס כוונה. וואס איז געווען אויפן טיש האב איך „אראפגע־ריימט" . . . ווי טויזנט רוחות וואלט געארבעט אין מיר.

„דו עסט דאך, ווי דו וואלסט שוין געהאט די נשמה יתירה . . . ס׳איז



דאך נאך פאר צוועלף" . . .

כדי דער טאטע זאל מיך נישט נעמען צו דער גמרא אדער מיך הייסן מעביר זיין די סדרה, האב איך מיך געמאכט כלומרשט נוצלעך ביי אלע פריי־טאגדיקע ארבעטן : טראגן די חלות צום בעקער, לויפן קויפן ליכט, געכאפט די וויאדרע און ארויסגעלאפן אין קאמער נאך קוילן, כאטש ס׳קוילן־קעסטל איז נאך געווען פול. און מאדנע, כ׳האב געפילט א הנאה פון דעם אלעם, פון דעם לויפן, שלעפן און טראגן, כאטש ס׳האט זיך מיר געדאכט, אז כ׳מאך עס נאר אויף כלומרשט, און כ׳זאל אזוי „צושלעפן" ביז צום גיין אין מקווה אריין . . .

און אזוי ווי דער אפעטיט איז געווען גרויס ביים אנבייסן, אזויפיל גרעסער געווען ביינאכט צו דער שבתדיקער סעודה, ביי די געשמאקע און געווירצטע מאכלים איז ער געווארן נאך גרעסער . . . דאס טעלערל צימעס, ווי די מאמע קאכט עס „ליפעץ־זיס, מיט א הינערש אינערל און מיט אן עוקץ איבגבער, טראגט די מאמע שוין מיר אונטער דאס דריטע, און זי טוט עס אזוי, אז מ׳זאל מיינען, אז ס׳איז ערשט דאס צווייטע ; נישט, חלילה, אז ווער פארגינט עס מיר נישט : נאר אז עס וועט דאך טאקע עפעס אויסזעען ווי כ׳פרעס ווי א זולל וסובא . . .

איך באלעק מיך מיטן צימעס און כאפ עס ווי ס׳וואלט געווען לאקשן און אין קאפ דרייען זיך טויזנט איינפאלן און כ׳זאג נאך דעם טאטן אלע „חנוכת־התורה"־קלוגע חומש־פשטים, בין מיך מפלפל איבערן „מנחת־חנוך". דער טאטע קוקט אין טעלערל צימעס אריין, האט גרויס הנאה און עסט מיט גרויס כוונה יעדעס האלב אויסגעברוינטע און רויט־גלאנציקע מייער־רעדעלע. ער טוט עס מחמת עונג־שבת צו שפירן דעם ליפעץ־זיסן טעם אויף די ליפן, און מער נאך זיך צו רייצן מיט דער תאוות־אכילה . . . ר׳האט אבער, זע איך, הנאה פונם רבי ר׳ העשלס המצאותדיקע איינפאלן, מער ווי פונם גאנצן צימעס.

נאך דעם פילן און פעטן עסן, נאך דעם בשר ודגים וכל מטעמים און אין דעם סוואנד פון די אויסשמעלצנדיקע ליכט בין איך שנעל און טיף איינ־געשלאפן און ארייגעפאלן אין א קאשמאר פון ווילדע חלומות . . . ער איז ווידער דא. דער בער ! די מאמע האלט מיך אויף דער האנט און דער בער טאנצט. דער בערן־טרייבער — אינגאנצן ווי דער טאטע זעט עס אויס ! — ער הייבט אויף די בייטש . . . איך וויל שרייען, די מאמע האלט מיך ביי דער געמבע און האלט מיר צו דאס מויל . . .

אין איין שרעק כאפ איך מיך אויף ! ארום מיר א שטילע ליידיקייט, א פינס־טערנישט אנצוטאפן. איך טאפ מיט דער האנט, דער טאטע איז נישטא אין בעט, איך וויל מאכן א געוואלט, אבער באלד איז מיר אלץ קלאר, שרעקלעך־קלאר. איך האב מורא מיך א ריר צו טון, צו אטעמען. וויאזוי ראטעוועט מען זיך, דעם טאטן, די מאמען . . . דער לאמער קונדאס טאנצט מיר פאר די אויגן ווי א שד . . . וואלט איך דעמלט מיט הענעכלען אוועקגעפארן אין דער ישובה : „על הארץ תשן", אויף א באנק אין בית־מדרש . . . א קינדעלע מיטן טאטן אין בעט . . . אפשר מיך צעוויינען, און מיך רייסן צו דער מאמען : „דער בער ! דער בער !!? . . . איך בייס מיר נעגל, די פינגער, ביז בלוט. איך הייבן אן

צו שעפּטשען דעם פּסוק „רגזו ואל תחטאו אומרו בלבבכם על משכבכם ודמומו סלה“, אהין און צוריק, נאכאמאל און נאכאמאל הונדערט מאל, און זע עס העלפט, די אויגן שליסן זיך מיר און כשלאף איין.

* * *

עפּעס האט דער טאטע געמוזט מערקן, אז מיט מיר איז עפּעס, אין מיר גייט עפּעס פאָר, א סוד, א גערא:גל, אז ס׳איז נישט אין מיר ווי אלע מאל — בשעתן עסן האט א פּאר מאל אויף מיר געקוקט און איך האב א ראפּגעלאזט די אויגן און א היץ האט מיך באשלאגן. די מאמע האט עס אויך געמוזט מערקן ווארום, זי איז שוין צוויי מאל צו מיר צוגעקומען און געטאַפּט דעם קאָפּ: „עפּעס געפעלסט די מיר נישט . . .

נאכן שבת־אויבסט שטעלט זיך דער טאטע אויף: „ווייסט, כ׳וועל אברהם נהומען ווייזן מיינע אמאליקע שפּאציר־גענג, דא הינטן ארום, דורך דער באנ־בריק, די סטעשקע צווישן די סעדער קיין טשענסטעכיוועקע“.

דער קלאָרער בלויער הימל איבער אונז, די צייטיקע, שווער־באלאדענעביימער הינטער די הויכע פּארקן און געדיכטע פּלויטן. ווי קלאר בלוי ער איז, אזוי שווער איז ער; ווען נישט די פּלויטן וואס האלטן אים, וואלט ער אראפּגעפאלן. מ׳קאָן קוים אטעמען. איך האב געשפּירט, אז איך מוז אנהייבן, דער טאטע ווארט דעראויף: „טאטע וואס מיינט א תענית חלום?“

דער טאטע האָט אלצדינג מיט איינמאל פארשטאנען! דער שווערער ערנסט איז אים ארויס פון די אויגן, דער שבת־שמייכל האט זיך הדרת־פּנימדיק אים צעשפּרייט אין זיין גרויסער ברייטער בארד:

„אברהם נחום לאז דיך נישט אריין אין די זאכן, ווי זאגט די באבע: ניע בע, ניע מע, ניע קיקעריקי. מ׳כאפּט אריין נאך א בלאט גמרא און מ׳גייט ווייטער . . . פארדריי דיר נישט קיין קאָפּ, וואס בעסער מ׳וויל מאכן די זאכן איז אלץ ערגעץ . . . ס׳איז א מין שפּינגעוועב, וואס מער מען רייסט עס קומט אלץ מער און דער שוואכער פאלט אריין . . . און בכלל בזמן הזה איז גאנץ אנדערש . . . התחזק והי לאיש, שלמה אין דיינע יארן האט שוין געהאט חתונה געהאט, איך בין שוין געווען לאנג א חתן . . . די דריי יאר ביזן יום החופּה האב איך אדורכגעאַרבעט גאנץ סדר נשים מיט אלע מפרשים . . . ס׳איז קיין אַנדערע עצה נישט, ווי דער והגית בו יום ולילה — מ׳מוז זיך מיגע זיין, דער מוח מוז שוויצן ביי דער גמרא . . . נייע עולמות גייען דעמלט אויף“.

דער טאטע איז שטיל געוואָרן, און מיך פארשנדיק אנגעקוקט, פון די אויגן האט אים ארויסגעקט גרויס זארג: „זעסט כ׳האב דיר נעכטן געזאָגט, דאס עלע־גאנטע בחורל געפעלט מיר נישט. געשמדט און געהאַנגען... מחשבות זרות מוז מען גאר נישט ערשט אליין טראכטן, דעם צווייטנס האבן אן השפּעה. מ׳מוז זיך היטן, ווי פאר פייער, אש זרה! מחשבה זרה איז עבודה־זרה“.

ער האט זיך אפּגערוט א ווייל, כ׳האב געזען, אז ער זוכט א פארבונדונג, פון דעם געזאגטן, צו דעם וואס ער האט זיך שוין געגרייט מיר פּירער צו זאָגן:

„א פריינט, א חבר, אפילו וועגן דער אייגענער פרוי זאגט שוין די „גמרא



זכו עזר, לא זכו כנגדו“. הערסט, דער אייזערנער קאפּ, אברהם חנה׳ס, האט מיר אנגעשלאגן א שידוך פאר דיר, לויטן ערשטן בליק שיינט עס א גלייכע זאך. אייף א דארף, אויפן וועג קיין ראדאמסק, א רייכער מילנער, א בת־יחידה. ער וועט דיר ארייןשטעלן א שאנק מיט ספרים, כלים האסטו, די ראשי־פּרקים פון לערנען ווייסטע, מ׳מוז נאר האבן די אמתע תשוקה איז זיך שוין אלץ פון אליין מגלה . . . די גוטע לופט וואלט דיר אויך גוט געטון . . . כ׳האב געוואָרט, ווייל כ׳האב צוערשט געוואָלט אנפרעגן אין ראדאמסק ווייסט דו דאך, דער רבי געפאָרן אין באד אריין — —

„נייק, טאטע“, האב איך ווי אויסגעשריגן איבעררייסנדיק אים: „ווי פאלט דיר איין?! ווי וועט זיך פילן אסתר, און אפילו צימעלע?“

„דאס איז לבנ׳ס א מעשה; זעסט דאך, אז יעקב האט אנגעשלאגן“. דער טאטע האט הנאה געהאט פון זיין הלצהדיקן ענטפער, בכל־אופן ער האט דאך זיין כאטערלעכע פליכט געטון, ער שטייט זיין קינדס „גליק“ נישט אין וועג און זיך אויסדרייענדיק א דריי אריינגעגעבן אויף א סטעשקע, וואס פירט אין די נאנטסטע גאס אין שטיבל אריין. ער האט מיך אנגענומען ביים ארעם און אויף מיר געקוקט מיט ליבשאפט, נאר זיין האלטן זיך איז געווען ווי אומבאהאלפן:

„דו ווייסט דאך, ביזט דאך שוין א דערוואקסענער; דו ביזט מיר, נישט נאר א קינד, נאר א נאנטער חבר; דו ביזט דאך שוין א בר דעת . . . „ישתנו“, האט מען עפּעס אויפן הארץ דערציילט מען עס דעם נאנטסטן . . . ווייסט דו וואס“, האט דער שמייכל ווידער אנגעהויבן לייכטן אים אין דער בארד: „ווייסט דו וואס? מיר וועלן זיך אנטון לכבוד שבת א ביסל תענוג, מיר וועלן זיך אנידער־זעצן ביים „דרך המלך“, כ׳זאג דיר, דער ייד האט גרויס שכל, מ׳קאן ביים אים לערנען א דרך הלימוד“. און אזוי זיינען מיר מיט פסיעות קטנות אריין אין שטיבל אריין און גראד אריינגעטראָטן אין א שטיקל שמחה, דער עולם איז געזעסן ארום די טישן ביי גלעזל ביר און אברהם חנה׳ס דער אייזערנער קאפּ, איז געשטאַנען ביים פּלומפּל ווי א קאמאנדער: בערישל כ׳זוך דאך דיך ארום מיט די אויגן . . . שייגאץ, טראג דאך אהין דעם טאטן א גלעזל ביר מיט א שיימל“. ביי געבן מיר דאס גלאז ביר האט ער מיך אדורכגענומען מיט זיינע איבערלאפענע פארשכורטע אויגן. איך האב מיינע געמוזט אראפּלאזן: עפּעס זעט ער אויס, ווי ער ווייסט מער פון מיר, נישט נאר ווי איך אליין, נאר אפילו ווי מיין טאטע . . . מיט דעם ווארט „שייגאץ“ האט ער עפּעס ווי הויך, פאר אלעמען אויסגעשריגן, אלע מיינע סודות, אבער מיר אויך געגעבן אנצו־הערן, אז א גרויס גליקן איז ווו פארבארגן, כ׳מוז עס נאר געוויער ווערן . . .

## עלי זילבערג

### פרילינגס דערוואכונג

קומט א פרילינג אן אַ נייער,
ווערט דאס לעבן ווידער טייער,
ווערן ווידער וואַך געפילן,
ווילט זיך לאכן, ווילט זיך שפּילן,

AUTHOR
Cl. Mark
Date sent:

ווילט זיך אויף די בוימער ש
זיך פארוויגן אין די צווייגן,
ביז צום הימל זיך אויפשווינ
און ווי די פייגל זיך צוזינגן.

ווערט א פרילינג ניי געבאָרן,
שפירט מען ניט צי מידע יאָרן,
ווערן מענשן ליבער, בעסער
ענגע הערצער ברייטער גרעסער.

טריבע אויגן ווערן לויטער,
בלאסע באַקן יונגער, רויטער,
גרויסע זארגן ווערן קלענער,
און די וועלט פיל רייכע שענער.

## הערשל פאצאנאווסקי

### א קוש פון א מאמע

איך געדענק ווי מיין מאמע, פלעגט מיר א לידל זינגן,
און דעם שוויס, פון מיין שטרן, האט זי אפגעווישט,
געלייגט מיך, אין מיין בעטל שלאפן,
מיט א גוטע נאכט מיין קינד, האט זי מיך געקושט.

דעם קוש, וועל איך געדענקען,
מיין גאנץ לעבן,
ווייל אזא קוש,
קען נאר א מאמע געבן.

א קוש, פון א מאמע,
צעגייט אין יעדן אבר,
א קוש, פון א מאמע,
נעמט מען מיט אין קבר.

## שמואל ווהייט

### ט ע ג

אין פארגאנגענע
אין קומענדע טעג,
וואס פירן צום ענדציל,
פרעג איך — צו מעג איך
מיך לאזן אין א וועג
וואס פירט צום צווייפל :
אז אטאג עקט זיך
אין א הארץ שרעקט מיך,
בלייבן בלויז נולן,
מיט א פראגע צייכן :

בעל חוב ווען ווערסטו
דיינע שולדן צאלן ?
דער מיש־מאש,
פון פארגאנגענע
און קומענדע טעג,
וואס פירן צום שיידוועג.
מאטערט זיך
„מיין איך"
אין אוועג
פון גראע־נעפעלטעג.

## יהודה ביעטש

### מלך ראוויטש - א בן שבעים

(פון א רעפעראט געהאלטן לכבוד דעם דיכטער אויף דער פייערונג ביי די ליטעראַרישע שבת־נאכמיטאגס)

צו שרייבן איבער מלך ראוויטשן, דעם דיכטער און שריפטשטעלער, וועלכער פארנעמט אזא בכבודיק ארט אין דער מאדערנער יידישער ליטעראטור, איז פאר מיר באמת א שווערער ענין. האט דאך דער חשובער מחבר און דיכטער הינטער זיך א האלבן יארהונדערט פון ליטערארישער און קולטור־געזעלשאפטלעכער טעטיקייט !

נאר אונטערשטרייכן מוז מען באלד ווי מלך ראוויטש אונטערשיידעט זיך פון זיינע חברים שרייבער פון אט דער צייט מיט אן אייגנארטיקן טאן און זשאנער. י. ל. פרץ איז בשעתו באצייכנט געווארן פון נאמבערגן אלס דער תמיד געניאלער אנפאנגער, מחמת זיין אנדערשקייט און זיין כסדרדיק זוכן נייע פארם און סטיל. אויך אנדערע שרייבער האבן אין פרצס זוכן־געראנגל אנערקענט זיין גאונות. מלך ראוויטש, דער זוכער, איז אין דער הינזיכט א גרעסטענער תלמיד פון אונזער גרויסן י. ל. פרץ, און מיר זענען אים טאקע שולדיק א דאנק פאר דער פארם, וואס ער, מלך ראוויטש, האט געברענגט צום אויסדרוק אין דער יידישער ליטעראטור.

אין אן ארבעט, וואס רופט זיך „דיכטער־יוגנט", שרייבט ראוויטש : „דער דיכטער מוז אינערלעך קעמפן אקעגן דער אויסערלעכער פארם, וואס וויל אים פאנגען. אמת, ער מוז אויך פאלגן דער פארם, דער שיינקייט. ר'איז דאך א דיכטער, א קינסטלער. אבער פאלגן מוז ער אומוויליק דער פארם. ער מוז אבער תמיד פארטרעטן זיינע העכערע צילן און אידעאלן, ער דער עקספאנענט פונם מענטשלעכן מין".

ווי זיין פארגענגער, אונזער י. ל. פרץ, איז אויך מלך ראוויטש א דענקער, אן אוהב את הבריות מיט פיל מידות טובות. אין זיינע ווערק מערקט זיך א טיפע עטיק. אין דער ליטעראטור איז ער פאר אונז א פערזענלעכקייט און א פאעט פאר עקסעלאנס. מיר האלטן אים פאר איינעם פון אונזערע גדולים, און נעמענדיק אין אנבאטראכט די מערכה פון יידיש אין דער איצטיקער שווערער צייט, קען מען ערשט ארויסזעען באשיימפערלעך פון וואס פאר א באטייטונג ער איז פאר אונז — מלך ראוויטש !

וויפל נאך שרייבער און דיכטער פארקערפערן עס אזוי אין זיך די עשירות־דיקע אייראפעאישע קולטור ? ווער נאך האט עס אזויפיל ארבעטן, אין פערזן און פראזא, איבער פילאזאפיע, עטיק, סאציאלע און נאציאנאל־יידישע פראבלעמען, אין אזויפיל זשורנאלן און צייטשריפטן איבער דער גארער וועלט ?

אזוי ארום טאקע, מיט דער אלזייטיקייט און אייגנארטיקער אנדערשקייט, האט ער בכבודו ובעצמו זיך ארייגעפלאכטן אין דעם אלגעמיינעם געוואוקס פון אייראפעאישן גייסט. אין זיינע לידער פלאטערט עפעס א בשורה, א באגער צו עפעס נייעס, אייגענע נשמה־בענקשאפט, און מיט אט דעם אלגעמיינמענטשלעכן בענקען צו שיינקייט, מיט דעם דאזיקן שטרעבן ארויף צו די אייביקע הימלען פון דער מענטשלעכער פאעזיע דערגרייכט מלך ראוויטש זיין ארט אין דער אלוועלטלעכער ליטעראטור.

אין זיין ליד „צוועלף שורות וועגן סנה״, וואס געפינט זיך אין בוך „דאס גרויסע זוכן״, האבן מיר אזא לירישע השתפכות־הנפש פון אן אנגעוויטאקטער נשמה, וועלכע זוכט א סינטעז פאר דער מענטשלעכער דערלייזונג. ער שרייבט,

„איז וואס־זשע וועט זיין דער סוף מיט אונזביידן — גאט ?
וועסטו מיך טאקע לאזן שטארבן אט אזוי,
און טאקע מיר נישט אויסזאגן דעם גרויסן סוד ?

מוז איך טאקע ווערן שטויב, וואס איז גרוי, אש, וואס איז שווארץ ?
און דער גרויסער סוד, וואס איז נאנטער ווי מיין העמד, ווי מיין הויט,
וועט אלץ בלייבן סוד, כאטש ר׳איז טיפער אין מיר ווי דאס סאמע הארץ?

האב איך טאקע אומזיסט אין די טעג געהאפט, אין די נעכט געווארט ?
און דו וועסט ביז דער לעצטער רגע בלייבן גרויזאם און הארט ?
דיין פנים טויב ווי שטומער שטיין, ווי קיזלשטיין בלינד איינגעשפארט ?

נישט אומזיסט איז איינער פון די טויזנט נעמען דיינע — דארן,
דארן דו פון מיין גייסט און פלייש און ביין,

שטעכנדיק — נישט אויסצורייסן, ברענענדיק נישט אויסצולעשן,
א רגע נישט פארגעסן — אן אייביקייט נישט צו פארשטיין !״

גאנץ ריכטיק האט ווער אנגעוויזן, אז מלך ראוויטש איז ווי א ליטעראַרישע „שולע״ אן און פאר זיך. זיין ווארט איז נישט שרייעריש, עס רייסט נישט איין קיין וועלטן. זיינע לידער זענען ווי א שטיל געזאנג, וואס ווירקט אבער אומגעהייער אויף אונזערע שטימונגען און געפילן. דאס זענען בילדער, וואס חוץ דעם עסטעטישן גענוס וועלכן זיי פארשאפן אייך זענען זיי רייך אין אידייען, דורכגעדרונגען מיט טיפן סאציאַל־מענטשלעכן אינהאלט.

צו דעם אלעם איז מלך ראוויטש אויך א געלונגענער עסייאיסט. זיינע צוויי ביכער פון איבער הונדערט פראפילן פון יידישע שרייבער, דיכטער, דערציילער, דראמאטורגן אין פוילן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, באשטעטיקן זיין זעלטענעם טאלאנט אויך אין דער הינזיכט.

כדאי איז אויך צו דערמאנען, אז מלך ראוויטש איז געווען א פירנדיקע פערזענלעכקייט און סעקרעטאר פון ווארשעווער יידישן ליטעראטן פאריין אויף טלאמאצקיע 13. הגם אט דער דאזיקער פאריין איז חרוב געווארן, אבער אין דער יידישער ליטעראטור־געשיכטע וועט ער תמיד בלייבן פארבונדן מיט יידיש־לעבן אין פוילן. און מלך ראוויטש איז דאך בנפשו געווען געקנופט און געבונדן מיט טלאמאצקיע 13. אין זיין שוין דערמאנט ווערק — „מיין לעקסי־קאן״ — פארגלייכט ראוויטש אט דעם ליטעראטן פאריין מיט לאנדאנער הייד־פארק, אז די, וועלכע האבן געזוכט אן ארט אויסצושטורעמען פריי זייער ווארט, וואס איז אפט געווען גערעכטער וועלט־כעס, און אפט נאר בלויז אויסדרוק פון היסטעריע, האבן דארטן געפונען זייער טריבונע . . .

א שאד, וואס מיר האבן נאך נישט פון אים א בוך, וועלכעס וואלט אונז איבערגעגעבן פרטים, אנעקדאטן, און עפיזאדן פון יענער שטורמישער און אזוי אינטערעסאנטער צייט פון יידישן ליטעראטן פאריין אויף טלאמאצקיע 13 ! אין ער דאך, אגב אורחא, די איינציקע פערזענלעכקייט ארויסצוברענגען אט אזא בוך פון יענער תקופה.

TOWER
HAMLETS
LIBRARIES